STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00852

NAYE SHRIFTEN FUN YEHOASH IN TSVEY BENDER

Yehoash

Permanent preservation of this book was made possible by Marcia & Richard Grand in honor of Rena & Morris Grand

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נייע שריפטען

פון

יהואש

אין צוויי בענדער

ערשטער באנד: נייע ליעדער

1910

ארויסגעגעבען פון
פערלאג „יהואש“
ניו יארק

NEW COLLECTION

OF

POEMS AND PROSE

BY

YEHOASH

FIRST VOLUME

YEHOASH PUBLICATION SOCIETY
85 CANAL STREET
NEW YORK
1910

Copyright, 1910, by S. Bloomgarden

אינהאַלט-פערצייכנים.

ערשטער באַנד:

פּראָלאָג.

איך האָב געשיפּט זיך אויף דעם שנעלען פלוס 3

פון אַלטען ברונען.

קריעת ים סוף 7
פאַר מתן תורה 9
דור המדבר 11
עמר לגולגלת 14
ש א ו ל 17
ה ו ר ק נ ו ס 31
מלכת שבא: 1, 2, 3, 4, 5 46
גאָט'ס גערעכטיגקייט 59

בין השמשות.

דער טויטער מאַרשאַלעק 65
די בייזע חאַליאַסטרע 68
דער מגפה - ווינקעל 72
דער וואַסער - טרעגער 75

איינטאָגיגע מלאכים 78
ליל שמורים: 1, 2 82
לא ינום ולא יישן שומר ישראל 85
דער נגון 88
די עברות צו תשליך 93

פון באַרג און טהאל.

פּראָלאָג 97
דעם בוים'ס נשמה 98
באַרג און אָקעאַן 102
דאָס טייבעל 105
הערבסט - אבענד 106
באַרג - געוויטער 107
נאַכ'ן שטורם 108
אבענד־קלאַנגען: 1, 2, 3 109
שטערען - שימער 112
שטורעם - נאַכט 113
פריהלינג־שנעע: 1, 2 114
ערב פריהלינג 116
פון די קעטסקיל בערג: 117
פּראָלאָג, 1, 2, 3, 4, 5, 6, 7, 8, 9, 10, 11, 12, 13, 14.
דער הערבסט בוים 137
דער ערשטער שנעע 141
נעכט אין דער גרויסער שטאָדט: 1, 2, 3 144

האַרץ־ווערה.

פראָלאָג 149
דיין בילד 150
אָפּשייד 151
פאַרקעהרט 152
פאַלשע קאָמעדיע 153
מיין עשירות 154
ביידע געביטען 155
עבר ־ פּעדעם 156
צוריסען 157
פאַרגיפטעט 158
כף הקלע 159
שיריים פון גליק 161
שטערען ־ פונקען 163
דער דונקעלער צווייפעל 164
דלילה 165
אויסגעגליהט 168
זעלבסט ־ נאַרעריי 169
גאָלד און פּסולת 171
רענדלעך פאר פּרוטות 172
נאָכוועהענים 173
ליעבע'ס הבטחות 175

בלומען ־ גיפט 177
די געעפענטע וואונד 179
זומער ־ נאכט ־ טרוים 180
פראסט ־ בלום 182
איצט לאך איך 183
דיין שענע טויט-געשטאלט 184

טרוימען און טרעלען.

דאס ניט געזונגענע ליעד 189
כאטש א טרעהר 197
א טרוים 199
פרעמד 200
פון פריה ביז שפעט 202
מיין שטערען 203
אן עולם קטן 204
ווער ווייס 205
ווערטער ־ דאמפף 206
שפעטע בלומען 208
דעם שיקזאל'ס שפאס 210
כת ליצנים 212
א יום-טוב — א יאהר-צייט 214
מיין סוד 216
אויר ־ וואנדערער 217
שמערץ ־ שברות 219

ערשטער באנד:

נייע לידער

פון

יהואש

פּראָלאָג

איך האָב געשיפּט זיך אויף דעם שנעלען פלוס,
וואו אַלץ פאַרשווינדט און אַלץ פאַרשווינדען מוז,
און האָב מיט נעצען פון געזאַנגען —
פון שמערץ דעם בים, פון פרייד דעם קורצען קוס,
פון אייביגקייט דעם פליהעדיגען גרוס,
געכאַפּט אין וואָרט־געפלעכט און קלאַנגען.

און ווען דער לוסט־מאָמענט און ווען די פּיין,
שוין לאַנג אין שטראָם פאַרטרונקען וועלען זיין,
נאָך וועלען זיי אויף ליפּען שוועבען,
ווי פון דעם שטערען לאַנג שוין שוואַרץ און קאַלט,
נאָך יאָהרען הונדערטער דער שימער פאַלט,
און שפּיגעלט אָפּ דעם שטערען׳ס לעבען...

דאָך איך און ס'ליעד מיינס טראָגען שטילערהייד
זיך אויך אַהין, וואו אַלעסדינג פאַרגעהט —
ווי ס'שטאַרבט דער אָפּשיין פון דעם שטערען...
און ווי דער קול, פאַרגעהט דער עכאָ אויך,
און ווי די פלאַם, וועט אויך די שפּור פון רויך,
פאַרטראָגען און פאַרגעסען ווערען...

פון אלטען ברונען

קריעת ים-סוף

(לויט אַ לעגענדע)

עס שטעהט דאָס פֿאָלק אין ווינד און פינסטערנים ביים מעער,
און שרעק און יאוש דריקען אַלע הערצער שווער,
דאָך הילכט דעם נביא׳ס קול דורך שטורעם־ווינד און נאַכט:
„גאָט צבאות האָט באַפויהלען און זיין וואָרט איז מאַכט;
„דער תהום וועט שפּאַלטען זיך, אַנטרינען וועט דער ים,
„דאָך ווער, זאָגט, ווער פון אייך, צוגליהט פון גלויבענס־פלאַם,
„מיט מוטהיגען פאַרטרויען צום פּראָפעט׳ס געבאָט,
„אין ווילדען שטראָם וועט וואַרפען זיך, אויף גאָט׳ס באַראָט?“

די שבטים שוויינען... און פון טיעפען גרונד אַהער
זיך טראָגען ווידערקלאַנגען: „ווער פון אייך, זאָגט, ווער?“

און פּלוצלונג פון יהודה׳ס שבט קלינגט אַ קול,
און וואַקסט אין צעהנדליג טויזענדען: „יהודה זאָל
„די ששים רבוא ווייזען דורכ׳ן תהום אַ וועג...“

און דורך דעם נאַכט־געוויטער אײַלען זיך צום ברעג,
די מוטהיגע לעגיאָנען פון יהודה׳ס פאָהן,
און מחנה הינטער מחנה שליסט זיך האַסטיג אָן,
און געהט מיט פעסטע טריט צום ים־סוף׳ס שוועל:
„מיר זיינען גרייט, אַ הייליגער פראָפעט, באַפעהל!...“

און ווידערהאָלענדיג אין טויזענד עכאָס, רעדט
דער דונקלער ים: „באַפעהל, אַ הייליגער פראָפעט!...“

1907

פאר מתן תורה

(לויט א לעגענדע)

שטום זיינען געוואָרען די שטערען־געזאַנגען,
אין רוים איז אַ וואַרטענדע שטילקייט געהאַנגען,
און איבער די וועלטען, מיט שימער פאַרצויגען,
געשווינדער פון בליץ איז אַ מלאך געפלויגען,
און גלייך ווי פון טויזענד קלאַרנעטען אַ כאָר,
געקלונגען זיין אויסרוף האָט הילכיג און קלאָר: —

„צבאות, געמאַנטעלט אין קלייד פון דער שכינה,
„דורך ליכט־שטראָמען לאָזט זיך אַראָפּ אויף באַרג סיני,
„די צירונג וואָס ער אויף זיין ברוסט האָט געטראָגען,
„נאָך איידער די וועלט איהר געשטאַלט האָט געקראָגען,
„זי שענקט ער צו מענשען געשאַפען פון קויט,
„זי שענקט ער צו קינדער פון קנעכטשאַפט און נויט...“

און כתות־ווייז זיינען מלאכים געקומען,
באַטריבט זיך געזעצט אין אַ קרייז אין אַ שטומען,

און ס'האָבען די הימלען אין העלפּט זיך געשניטען,
און גאָט פון זיין טהראָן איז אַרונטער אין מיטען,
און ס'האָט זיך אין קראַכענדע קולות געהערט,
דער טריט פון באַשעפער וואָס געהט אויף דער ערד...

און באַלד האָט געטומעלט פון דונער דאָס ברילען,
געשענקט איז די תורה... געשעהן איז גאָט'ס ווילען...
און שטילערהייט האָבען געזיפצט די מלאכים:
„אַלמעכטיגער שדי, ווער וויים דיינע דרכים? —
„פון שרפים געפליגעלטע קעהרסטו זיך אָפּ,
„און ערד־ברואים שענקסטו דיין טהייערסטע גאָב..."

1907

דור המדבר

די גראָע נעבעל־פאָרהאַנגען,
צופליסען די יאַהרהונדערטען,
און פון דער ווייטער עבר־צייט,
זיך רוקט אַרויס אַ בילד: —

אַ פוסטע וויסטע מדבר־פעלד...
אַ הונגעריגעס וואַנדער־פאָלק,
פאַרבלאָנדזשעט אין דעם הייסען זאַמד,
מיט יאוש אָנגעפילט...

און אין זיין צעלט אין איינזאַמקייט,
דער פיהרער דער פאַרצווייפעלטער,
וויינט פרעגענדיג: „ווען וועט דער וועג
זיך ענדיגען אַמאָל?...“

עס טרייסעלט זיך דער לייווענט־צעלט,
פון ערגעץ־ניט, פון אומעטום,

דערגרייכט דעם נביא'ס אויערען
א מורא'דיגער קול: —

„דער וועג איז קורץ, דער וועג איז גלייך,
„כנען דאָס גרינע דופּטיגע,
„כנען דאָס לאַנג־פאַרשפּראָכענע,
„איז נאָהנט פון דיר פאַראַן...

„דאָך ניט פאַר י ע נ ע גשן־לייט,
„וואָס צעהלען די מינוטען נאָר,
„ביז אויפגעהן וועט די מאָרגענזון,
„כדי צו קלייבען מן...

„ניט פאַר די קרומע ש ק ל א פ ־ מ ע נ ש ע ן,
„געבאָרען און געהאָדעוועט,
„אויף ריטער און אויף בוקען־זיך,
„אָהן קראַפט, אָהן שטאָלץ, אָהן מוטה...

„זיי אַלע וועלען אויסשטאַרבען...
„די ביינער־הויפענס זייערע,
„זיך אייביג וועלען טריקענען,
„אין זאַמד און וויסטער גלות...

„די י ו נ ג ע בלויז, די מוטהיגע,
„וואָס וואַקסען און זיך האָדעווען,
„געקרעפטיגט פון דער שאַרפער לופט,
„אין פרייען מדבר־רוים —

„פאַר ז י י באַשטימט איז לאַנד כנען,
„פאַר ז י י דער צוקונפט׳ס ו ו י ר ק ל י כ ק י י ט...

. . . .

„די קנעכט־טאַטעס — באַגנוגענען
זיך מוזען מיט׳ן ט ר ו י ם...

1907

עמר לגולגלת

(ילקוט בשלח)

אוּן ווען דער מאָרגען האָט אַרויסגעשפּראָצט,
געלעגען איז דאָס גאַנצע מדבר־פעלד,
מיט שימערדיגע קערנער צוגעדעקט...
און ווען פון הונגער־שלאָף האָט ס׳פאָלק ערוואַכט,
און פון די צעלטען זיינע איז אַרויס,
און האָט דעם דימענט־טהוי געזעהן פאַרשפּרייט —
געטראָגען האָט זיך דורך דער גראָער לופט
פון מויל צו מויל, אַן אויסרוף פול מיט פרייד:
„דאָס איז דער מ ן, די שפּייז פון גאָט געשענקט...“

דאָך איידער נאָך אַן איינציג פינגער האט
באַריהרט די לאַנג־געגאַרטע הימעל־גאָב,
און איידער נאָך אַ מוטער האָט צומאָל
דעם הונגער פון איהר קראַנקען קינד געשטילט —
פון גאָלד־געשטיקטע צעלטען האָבען שוין
די פירסטען פון די שבטים זיך געאַיילט,

און צעהנדליגער משרתים הינטער זיי
מיט גרויסע קערב, מיט אַלערליי געפעס...
און אָבגעטריבען האָבען זיי דאָס פאָלק:
„די בכורה איז פאַר אונז... דער פירסט קומט ערשט,
און ווען ס'ועט בלייבען—קלייבט ווי פיעל איהר ווילט..."

און שמאַכטענדיג געשטאַנען איז דאָס פאָלק...
פאַרשעמט גערוקט זיך אָן אַ זייט,
געזעהן די גרויסע קערב זיך אָנפילען,
און צוגעהערט די ווערטער פון באפעהל:
„דער פירסט קומט ערשט — ווען ער האָט זאַט,
דאַן קומט און נעהמט שיריים פראַנק און פריי..."

און פלוצלונג געהט אַ מורמעל דורכ'ן פאָלק:
„דער נביא געהט..."

און ששים רבוא פאַר פאַרשמאַכטע אויגען האָבען זיך געווענדעט
צו משה'ן מיט אַ הונגריגען געבעט: —
„דאָס גאַנצע פאָלק, מיט קינד און קייט, וויל שפייז...
האָסט דו באפויהלען, אַז דער פירסט פון שטאָם
זאָל נעהמען ערשט, און מיר — שיריים בלויז?..."

קלאָר דורך דער מאָרגענלופט געקלונגען האָט,
געררייצט פון טיעפען כעס, דעם נביא'ס שטים:

„די שפּייז פון גאָט איז ווי דער מדבר־זאַמד,
ווי מאָרגענטהוי, ווי ווינד, ווי זונענשיין,
פאַר יעדען פריי, פאַר יעדען איינעם גלייך...
עס איז ניטאָ קיין ערשט, ניטאָ קיין לעצט,
ניטאָ קיין בכורה, קיין שיריים ניט...
און יעדער איינער קריגען וועט זיין טהייל,
ניט מעהר, ניט וועניגער — צי פּרינץ, צי שקלאַף...

„און איהר וואָס פילט די גרויסע קערב אַצינד,
און רייצט מיט שפּאָט דאָס הונגעריגע פאָלק —
אומזיסט די האַסט, אומזיסט די גיעריגקייט...
דער לוין פון אייער מיה וועט זיין דער שוויים —
דער שוויים אַליין, וואָס אייער רויב־פיבער
אַרויסגעפּרעסט אויף אייער פּנים האָט...
און ווען איהר ברענגען וועט אַהיים די לאַסט,
געפינען וועט איהר בלויז דיזעלבע מאָס,
וואָס יעדען איז בעשטימט — אַן עומר אויף אַ קאָפּ...“

1907

שאול

(אַ דראַמאַטישער פראַגמענט)

(שמואל א, כ"ח)

ערשטע סצענע.

(אַ פינסטערע שטורם־נאַכט, אַלע ווילדע שלענגלען זיך דורך לאַנגע געצאַקטע בליצען און בעלייכטען אַ באַרג לאַנדשאַפט מיט ווילדע פעלזען רונד אַרום, דאַן הערט זיך אַ דונערקנאַל וועלכער קייקעלט זיך דערנאָך פאַנאַנדער אין דומפּפּע עכאָס צווישען די פעלזען־בלאָקען. פון אַ באַרג־שפּאַלט קומט אַרויס אַ וואַפּענטרעגער מיט אַ פאַקעל אין דער האַנד, און הינטער איהם קעניג שאול — אַ הויכע שטאָלצע פיגור, איינגעוויקעלט ביז'ן האַלבען געזיכט, אין אַ לאַנגען שוואַרצען מאַנטעל.)

שאול: —

אַ מחנה עכאָס הילכט פון באַרג און פעלז אַרויס
דעם קראַך פון שאול'ס קעניגרייך ;

אין ווייסע בליצען גליהט די פייערשריפט,
וואָס צייכענט אָן מיין אונטערגאַנג...

וואַפּענטרעגער: —

דעם אונטערגאַנג פון דיינע פיינד
דיר זאָגט דער הימעל אָן מיט דונערקנאַל,
אום דיך מיט נייעם מוטה צו קרעפטיגען
פאַר מאָרגענדיגע שלאַכט.

שאול: —

דעם הימעל'ס שפּראַך צו מיר פלעגט ניט
אַ שפּראַך פון בליץ און שטורעם זיין,
און ניט אַ פעלז־גאָרגעל פלעגט זיין די קעהל,
וואָס האָט מיר גאָט'ס גענאָד דערצעהלט —
איך האָב געהאַט גאָט'ס פּריסטער נעבען זיך.

וואַפּענטרעגער: —

און איצט?

שאול: —

איצט שווייגט ער ווען איך פרעג...
(רעדענדיג ווי צו זיך אליין.)
אומזיסט האָב איך געזוכט,
דעם שיקזאַל'ס סודות פון זיין מויל דערגעהן,

קיין איינציג וואָרט האָט ניט זיין צונג געהאַט,
און קאַלט געפינקעלט האָבען אויף זיין ברוסט,
די אורים־און די תומים־שטיינער...
קיין איינער ניט פון זיי האָט אָנגעצונדען זיך,
מיט יענעם וואַרעמען קאָלירען־גלאַנץ,
וואָס פלעגט אַמאָל דער גיכער ענטפער זיין,
אויף מיינע פראַגעם און אויף מיין געבעט...

(א ראַקעט פון בליצען און א שטאַרקער דונער־קלאַפּ. שאול וויקעלט פעסטער אַרום לייב זיין מאַנטעל. קוקט זיך אום אויף די וויסטע לאַנדשאַפט און רעדט ווייטער:)

און ווען ביינאַכט אין מיין געצעלט,
פערמאַטערט פון דעם טאָג׳ס געפעכט,
בעזיעגט, געבראָכען, און מיט גאַל געפילט,
ערוואַרטענדיג מיט שרעקען איטליכע מינוט,
אַן איבערפאַל פון דוד׳ס קריעגס־אַרמעע —
גערופען האָב איך צום געשטאָרבענעם פראָפעט,
פערלאַנגט ער זאָל אַן עצה־וואָרט
מיר פון זיין קבר צו־שושקען,
פאַרנומען האָב איך בלויז דעם ווידערקלאַנג
פון מיינע ווערטער, אין דעם פוסטען צעלט,
און שוידערנדיג מיין אייגנעם קול געהערט...
(פערטויבענדער קראַך, דער קעניג שפרינגט צוריק. דאַן שטרעקט ער אויס די הענד צום הימעל, ווי זיך אָבוועהרענדיג און זאָגט:)

מיך שטיקט דעם הימעל'ס פינסטערנים,
די ט ו י ב - ש ט ו מ ע פערשלאָסענקייט,
ביי אלל' דעם ליאַרעם און דער פילדעריי...
מיך דריקט דעם הימעל'ס חושך צו דער ערד...
אַ שימער ליכט!... אַ שימער ליכט!
און אויב פון הימעל ניט,
פון טיעפער העלל אַבי אַ שיין. —
(צום וואַפענטרעגער:)
וואו איז דער שלאַנג־נעסט פון דיין צויבערין?

ו ו אַ פ ע נ ט ר ע ג ע ר: —

דאָרט צווישען יענע פעלזען צוויי,
אַוואו דאָס רויטע פייערל,
טאַנצט אום אין שטורעם ווי אַ צויבער־גייסט...

ש א ו ל: —

אין שוואַרצען מאַנטעל איינגעהילט,
מיט האַלב פאַרוויקעלטען געזיכט,
פאַרשטעלט אַלס אונגליקליכער וואַנדערער,
וואָס זוכט אין פעלז אַ נאַכט־לעגער,
פער'גנב'עט זוכענדיג אַ מכשפה־הייהל —
ווער וואָלט אַצינד ישראל'ס פירשט דערקענט?...

ו ו אַ פ ע נ ט ר ע ג ע ר: —

נאָך איידער ס'וועט אַן איינציג אויג

זיך עפּענען אין לאַגער, ווענסטו זיין צוריק,
און ק י י נ ע ר וועט ניט דאָס געהיימנים וויסען...

ש א ו ל : —

קיין א י י נ ע ר אַ ח וץ ש א ו ל׳ן,
דעם גאָט־געקרוינטען קעניג, וועלכער האָט
מיט היילִיג־פרומען גרימצאָרען,
פון לאַנד פערטריבען אַלע צויבערער,
און געצענדיענסט און טייוועל־דיענסט,
געהייסען שטראָפען מיט׳ן טויט...
ד ע ם ז ע ל ב ע ן קעניג וואָס אַצינד,
אין דונער און אין שטורעם־נאַכט,
אויף שאַרפע פעלזען קלעטערענדיג, זוכט
די וואויהנונג פון אַ צ ו י ב ע ר י ן,
און דעקט זיין פּנים אום עס זאָלען ניט,
די קראַנקע אויגען פון אַן ױקעלהאַפּטער זקנה,
צונויפגעקאָרטשעט אין איהר פעלזען־לאָך,
אין איהם איהר אַלטען פיינד דערקענען...

וו אַ פ ע נ ט ר ע ג ע ר : —

זי איז די איינציגע וואָס איז אַנטרונען,
און האָט אין בּאַרג אַ שוץ געפונען,
פון דיין פאַרפאָלגענדען באַפעהל.

שאול: —

די אָרעמע! פאַרפאַלגט פון קעניג׳ס שווערד,
אַ פרייער ציעל פאַר יעדען שפּיעז און פייל,
און אויסגעשלאָסען פון דעם הימעל׳ס שוץ,
פערקראָכען איז זי אין איהר דונקלען נעסט,
צו זוכען ביי די גייסטער פון דער פינסטערנים,
״ הילפע און אַ טרייסט...

צווייטע סצענע.

(לאַנדשאַפט און וועטער ווי פריהער. צווישען צוויי הויכע אריבער־הענגענדע פעלזען, צאַנקט אַ רויט רויכערדיג פייערל פון צווייגען און בלעטער. שאַרענדיג מיט איהרע ביינערדיגע הענד די בלעטער, זיצט אַן אַלטע אין שמאַטעס געקליידעטע העסליכע פרוי. שאול קומט אָן אַליין און די אַלטע שפּרינגט אויף צושראָקען.)

צויבערין: —

וואָס ווילסטו דאָ אין שטורעם און אין חושכ׳נים?

שאול: —

אין אַלע טהאָלען רונד אַרום,
געזוכט האָב איך אומזיסט אַ צויבערין,
און אומעטום געוועזן דער ענטפער איז:

„דער קעניג שאול האָט פאַרטיליגט פונ׳ם לאַנד
„די גייסטער־זעהערס און די צויבערערס."
געטריבען פון פאַרצווייפלונג, האָט מ־יין פוס
באַרג איין, באַרג אויס געוואַנדערט,
ביז ענדליך האָב איך זיך דערוואוסט,
אַז אין די פעלזען דאָ אַנטרונען איז
אַ צויבערין — די איינציגע אין לאַנד ;
און כ׳בין צו דיר געקומען...

צויבערין: —

(נאָך דעם ווי זי באַקוקט איהם לאַנג פון קאָפּ ביז די פיס.)

אַ שטאָלצער קריעגסמאַן שיינסטו מיר צו זיין,
דאָך פיין און אַנגסטען גלאָצען פון דיין אויג.
דו ביזט פאַרפאָלגט פון בלוט־הינד...
— וואָס ווילסטו אונגליקליכער העלד ? —

שאול: —

די טיעפסטע שפּרוכען פון דיין שווארצער קונסט,
די שטאַרקסטע מיטלען פון דיין כשוף־מאַכט,
געברויכען וועסטו מוזען היינט...
פון קבר׳ס נאַכט, מיט וואָרט פון צויבעריי,
אַרויסברענגען מיר זאָלסטו דעם פּראָפעט,
דעם טויטען שמואל׳ן...

צ ו י ב ע ר י ן: —

(אויפשפרינגענדיג בלייך מיט אויסגעגלאָצטע אויגען.)

מיט צ ו י ב ע ר י י דעם טויטען נ ב י א?
מיט כ ש ו ף א י ה ם וואָס האָט אין שאול'ס ברוסט,
צוערשט געזעעט די זאָאט פון האַס,
און גרויזאַמער פערטיליגונג,
אָקעגען אַלע צויבערער?...

ש א ו ל: —

די גאַנצע טויטען־וועלט געהאָרכט דיין צויבער־רוף,
פּראָפּעט צי קעניג פאָלגען מוז דיין שפּרוך,
און קומט ווען דו באַשווערסט...
מיש גוט די קרייטער דיינע, זאָג דיין מעכטיג וואָרט,
און רוף די גייסטער דיר צו הילף,
און זאָל געצוואונגען פון דיין כשוף־קראַפט,
ערשיינען דער פּראָפעט...

(די צויבערין טראַכט אַ לענגערע צייט שאַרענדיג די טרוקענע בלעטער אין די פלאַמען. דאַן שטעהט זי אויף און ברענגט פון אַ ווינקעל הייהל אַ טאָפּ און שטעלט איהם אַרויף אויף דעם פייער. פון אַ בייטעל, וואָס זי טראָגט אַרום איהר לייב, וואַרפט זי אַריין פאַרשיעדענע פאַרדאַרטע קרייטעכצער. דאַן וויעגענדיג דעם קאָפּ זינגט זי מיט אַ שטילער וואָיעדיגער מעלאָדיע:)

„אין אונטער־וועלט, אין שאטען־לאַנד,
וואו שווארצע ווינדען וועהען,
דאָרט וואויהנט דאָס גרויסע גייסטער־פאָלק,
דעם קאַלטען טויט׳ס אַרמייען...

„מיט קרוין און צעפּטער אויף זיין טהראָן,
דער קעניג זיצט פאַרגליווערט,
מיט שווערד אין האַנד דער גבור שטעהט,
באַפּאַנצערט און באַקיווערט...

„דער פּריסטער האַלט די וויירויך־פאַן,
מיט נעבעלדיגע פינגער,
און אויף זיין שטומער האַרף געלעהנט,
פאַר׳חלום׳ט גלאָצט דער זינגער...

„זיי וויינען ניט, זיי לאַכען ניט,
זיי ריהרען ניט קיין אבר,
דען אייביג שטום און אייביג שטיל,
איז אין דעם לאַנד פון קבר...

„נאָר ווען דער כשוף־קעסעל זידט,
און צויבער־קרייטער קאָכען,
און ווען דער נאָמען, ווען דער שפּרוך,
ווערט ריכטיג אויסגעשפּראָכען —

„דאַן קומען זיי מיט ווילדער האַסט,
געהאָרכזאַם צו דעם מייסטער —
צום צויבערמייסטער, וועלכער איז
דער הארר פון אַלע גייסטער...“

(אַ רויטע פאַרע שלאָגט ארויס פון טאָפּ, און פון דער פאַרע וויקעלט
זיך אַרויס די נעבעל־געשטאַלט פון פּראָפעט שמואל.)

די געשטאַלט: —

(געקעהרט צו דער צויבערין:)

פערשאָלטענע!
וואַרום מיך האָסטו מיט דיין טייוועל־שפּרוך,
אַרויסגערופען פון דעם שאָטענלאַנד
צו קומען אין דיין פּעסט־געפילטע הייהל?...
וואָס ווילסטו, לילית־קינד, זאָג שנעל!...

(די צויבערין וועלכע האָט די גאַנצע צייט געקוקט, פאַרשטאַרט פון
שרעק, אויף די געשטאַלט, פאַלט אַנידער צו שאול'ס פיס און זאָגט:)

צויבערין: —

דו ביזט דער קעניג! —
דעם קאָפּ אַרונטער און די פיס אין דר'הויך,
ערשיינען גייסטער פאַר אַ ניט־געקרוינטען קאָפּ,
און שמואל'ס גייסט שטעהט ווי אַ מענש־געשטאַלט...
דו ביזט דער קעניג שאול...

האָסטו מיך נאַררען ערשט געדאַרפט,
אום מ י ך צו טויטען? מ י ך —
אַן אַלטע קריפּעל וועלכע לעבט,
אין קעלט און נאַכט איהר הייפעל וואַכען אויס,
זיך נעהרענדיג מיט באַרג־וואָרצלען?...

ש א ו ל: —

(ניט אַרונטערנעהמענדיג די אויגען פון דער געשטאַלט ענטפערט דער צויבערין מעכאַניש)

ניט טויטען דיך, נאָר רעטען זיך
געקומען בין איך דאָ,
דיין לעבען איז געזיכערטער ווי מיינס...

(די צויבערין ציהט זיך צוריק אין דעם דונקעלסטען טהייל פון דער הייהל. די געשטאַלט האָט זיך אונטערדעסען אומגעדרעהט און שפּרייזט צו שאול'ן וועלכער בוקט זיך ביז איז דער ערד.)

ד י ג ע ש ט א ל ט: —

דער קעניג שאול ביי אַ צויבער־פרוי? —
האָסט דו באַפויהלען זי מיין רוה צו שטערען? —

ש א ו ל: —

פערגיב, פּראָפעט... פערצייה די שוואַרצע טהאַט...
פערריגעלט האָט דער הימעל זיך,

מיט אײזען־טהויערען פאַר מיר;
פאַר מיר האָט גאָט זײן אויער צוגעמאַכט,
(װײזענדיג אויף די צויבערין)
און כ'האָב צום טײװעל זיך געװענדט...

די געשטאַלט: —

און האָסטו ניט פאַרטיליגען געהײסען,
די כשוף־מאַכער פונם לאַנד?...

שאול: —

אַנטרונען איז אַן אײנציגע
און כ'בין צו איהר געגאַנגען,
געשטויסען פון דעם שיקזאַל'ס האַנד...
פערגיב, פראָפעט... און לאָז אַן אײנציג װאָרט
פון דײנע לופט־ליפען,
מײן גורל זאָגען מיר...
(אַ קורצע פויזע אין װעלכער בײדע קוקען זיך אָן.)
בעפאָר די זון װעט פון איהר באַרג־באַהעלטענים,
אַרויסגעהן אויף די פעלדער פון גלבוע,
בעפאָר דער ערשטער רויטער פאַס,
באַזוימען װעט די הויכע פעלז־שפיצען —
װעט פול מיט קריעג־געפילדער זײן דער טהאָל,
און אָבקלינגען װעט פון די בערג,
דער עכאָ־קלאַנג פון שװערד און שילד,

דער בראַזג פון שפּיעז און שטאָהל־פּאַנצער,
דער סוויסטש פון פיילען דורך דער לופט,
די טראַמפּלעריי פון רייט־וועגען,
און ס'הירזשען פון מלחמה־פערד...
און דוד'ס קריעגסלייט וועלען זיין פאַרקנוילט,
אין בלוטיגען געפעכט מיט מיין אַרמעע...
פּראָפּעט!... רעד בלויז אַ וואָרט,
באַוועג דיין נעבעל־האַנד, צי וויעג דיין קאָפּ,
און זאָג: וואָס וועט מיין גורל זיין?...

די געשטאַלט: —

און אויף דעם זינד־לייטער פון צויבעריי,
געהאָפּט האָסטו אַרויפגרייכען
צום טהראָן פון גנאַד און באַרמהערציגקייט?...
אַ אונגליקליכער קעניג!...

שאול: —

בין איך ניט דער געזאַלבטער פירשט?...
האָסט דו ניט אויף מיין קאָפּ אַמאָל,
אַרויפגעדריקט די קרוין, מיך בענשענדיג
אין נאָמען פון ישראל'ס גאָט?

שמואל: —

די קרוין וואָס איך האָב דיר אַרויפגעדריקט,

ווען לאָקיג־יונג געוועזען איז דיין קאָפּ —
זי טראָגסטו לאַנג שוין ניט...
אַ גינגאָלד־שפּיעלצייג בלויז איז די
וואָס דיר געבליעבען איז...
פאַרשוואונדען פון דיין שטערען לאַנג
איז יענע הייליגע געבענשטע זאַלב,
וואָס האָט באַשיצט דיך ווי אַ קופּער־העמד,
פון שונא'ס שאַרפסטער פייל...
און לאַנג שוין איז פאַרשענקט דיין קרוין
צום יונגען פאַסטוך וואָס אַמאָל
געשטאַנען מיט זיין האַרף איז ביי דיין טהראָן,
געגרייט צו שפּיעלען אויף דיין וואונק...

ש א ו ל (שלוכצענד): —

פּראָפּעט!... פּראָפּעט, אַ ראַטה מיר גיב!...

ד י ג ע ש ט א ל ט: —

אין שאָטענלאַנד דאָרט וויים מען נאָר
דעם שיקזאַל'ס שטיינערנעם געזעץ —
ראַטה איז אין ל א נ ד פ ו ן ל ע ב ע ן בלויז...

(די געשטאַלט פערשווינדעט. דאָס פייער צאַנקט און לעשט זיך. פערדרוקט אין ווינקעל הייהל זיצט די אַלטע וויגענדיג איהר קאָפּ. עס הערט זיך דאָס געבראָכענע שלוכצען פון קעניג. דער וואָפּענטרעגער קומט אַן פון דער וועיט מיט זיין פּאַקעל.)

הורקנוס

ערב יום כפור אוידער דער כהן גדול האָט געזאָלט אַריינגעהן אין הייליגען טעמפעל צו פאַרריכטען די גאָטעס־דיענסט, פלעגען קומען די סנהדרין און פלעגען איהם בע־שווערען און אַזוי פלעגען זיי זאָגען: מיין האַרר, אווי־בערפריסטער! מיר בעשווערען דיך אַז דו זאָלסט ניט טהון אַנדערס ווי דו ביזט באַפויהלען געוואָרען צו טהון. — און ביים פאַנאַנדערגעהן זיך האָבען זיי געוויינט און ער האָט געוויינט.

(תלמוד יומא, יח.)

(אַ זיילען־גאַלעריי נעבען דעם הייליגען טעמפעל. אין הינטער־גרונד דורך די זיילען זעהען זיך די עזרות אָנגעפילט מיט פאָלק. און נאָך ווייטער, דער הימעל רויט פון דער פאַרגעהענדער זונן. — אין פאָדערגרונד, אויסגעשטעלט אין אַ האַלבען קרייז, שטעהען די זיבעציג סנהדרין, אַלע זקנים מיט ווייסע בערד. אין מיטען פון דעם האַלב־קרייז אַקעגען זיי שטעהט ה ו ר ק נ ו ס אין אויבער־פריסטער קליידער. ער איז אונגעפעהר דרייסיג יאָהר אַלט, הויך און שלאַנק געוואַקסען, מיט צאַרטע געזיכטס־שטריכען און פער'חלום'טע אויגען. זיינע לאַנגע לאָקען פאַלען ביז זיינע שולטערען אין שוואַרצע רינגען. — ש מ ע י, אַן עכט־פאַטריאַרכאַלישע פיגור, טרעט אַרויס פון דער האַלב־רונדער שורה און נעהנטערט זיך צום כהן גדול.)

ש מ ע י : —

פירסט הורקנוס, ישראל'ס זייל פון ליכט....

ה ו ר ק נ ו ס : —

פערעהרטער גרייז מיין אויער דורשט,
צו טרינקען דיינע ווערטער.

ש מ ע י : —

איך בין געקומען בעטען דיך —

ה ו ר ק נ ו ס (אונטערברעכט איהם) : —

בעפעהלען זאָלסטו זאָגען;
די ריינע צונג פון די סנהדרין'ס קאָפּ
איז פאַר ב ק ש ו ת ניט געמאַכט.

ש מ ע י : —

גאָט'ס אויבער־פריסטער זאָל פון קיינעם ניט
בעפעהלען קריגען נאָר פון גאָט אַליין.

ה ו ר ק נ ו ס : —

דעם פאָלק'ס שליח בין איך בלויז —
ז י י ן ק נ ע כ ט און א י י ע ר ע ר.

ש מ ע י (שווייגט א ווײַלע פערטראַכט דאן זאָגט) : —

פירסט הורקנוס, דאָרט הינטער אונז,

מיט מענשען־שטראָמען זיינען די עזרות פול,
און אַלע הערצער הענגען אויף דיין ליפּ,
און הונדערט טויזענד הייסע תפלות,
מיט פעדעם ניט־געזעהענע
פון נאָהנט און ווייט בעשפּינען דיך;
דאָס גאַנצע פאָלק מיט פרומער האָפענונג
זיך קלאַמערט אָן דעם כהן גדול זיינעם,
און אַנקערט זיין געדאַנק אין דיר...

הורקנוס: —

אין מיין געבעט און אין גאָט'ס גנאָד.

שמעי: —

גאָט איז אין נעבלען איינגעהילט
און צו זיין הויכען שטראַהלען־טהראָן
קען ס'אויג פון פאָלק ניט גרייכען...
דיך זעהען זיי, און דו פאַר זיי
ביזט גאָט'ס גנאָד און גאָט'ס אַלמעכטיגקייט...

הורקנוס: —

אָן אָרעם גלאָז־שערבעל וואָס שלאָגט צוריק
דעם זונען־שטראַהל וואָס פאַלט אויף איהם...

שמעי (קוקט לאַנג אויפ'ן אויבער־פּריסטער מיט אַ דורכדרינ־

גענדען בליק, דאַן רעדט מיט אַ טיעף־בעוועגטער שטים) : —

פירסט הורקנוס, קוק אָן די שנעע־געלאָקטע קעפּ
פון די וואָס רינגלען דיך אַרום ;
קוק אָן די זקנים וואָס מיט עהרעפורכט,
די וויים־געקרוינטע שטערענס זייערע,
פאַר דיינע שוואַרצע קרויזען בייגען,
און פאַר דיין יונג געזיכט...
קוק אָן זיי! ז י ב ע צ י ג א י ן צ אָ ה ל ;
אין ליעבע צו גערעכטיגקייט,
אין טרייער דיענסט צום אמת — א י י נ ס.
אויף יעדענ׳ס פאַרמעט־פּנים אויפגעדריקט
דער שטעמפּעל איז פון זעלביגען געדאַנק,
דערזעלבער איבערגעבענהייט צום פאָלק —
צום פאָלק וואָס האָט אויף זייער האַנד
זיין שיקזאַל אַנגעטרויט.
אין מח׳ס טיעפסטען ווינקעל־שפּאַלט,
אין הערצענ׳ס צוגעדעקטסטען תהום,
וואו ניט־געבונדען איז דער וואונש,
און ס׳שמידט דער ווילען זיינע פּלענער פריי —
האָט קיינער פון די גראָהע גרייזען וואָס דו זעהסט,
זיין אומה ניט פאַרראַטהען...

הורקנוס: —

דאָס פאָלק איז שולדיג זיי אַ סך,
און צאָהלט זיי בלויז אַ קליינעם טהייל פון חוב,
מיט זיין פערעהרונג און זיין צוטרוי.

שמעי: —

ניט אַלע מאָל פערשענקט דאָס פאָלק
זיין צוטרוי צו דעם ריכטיגען...

הורקנוס: —

דאָך שנעל געפינט עס אויס
אויב זיינע ריכטער זיינען פאַלש.

שמעי: —

און אויב די פריסטער זיינע —

הורקנוס (בלייך, אַנגלאָצענדיג דעם גרייז): —

די פריסטער ? !

שמעי: —

— איהם זיינען אונגעטריי געוועזן,
דאָס קען עס אַזוי שנעל ניט אויסגעפינען...
פערבלענדט פון ווייהרויך־דאַמפּף,

פון הייליגען געווירץ־גערוך ענטציקט —
פערנעבעלט איז זיין אונשולדיגער זינן.
זיין דורשט קומט מ ע ה ר ו ו י ה אַ ל ב ע ן ו ו ע ג
דעם פּריסטער'ס טראַנק אַנטקעגען.
זיין אייגנער וואונש זיך פאַרבט מיט הימעל־גלאַנץ
און ווערט אַנטפּלעקונג פון אַ גאָט,
צי בעל, צי עשתרות, צי אַ גאָלדען קאַלב;
דען פון זיין גלויבען ניין חלקים, איז
דער טיעף פון גאָט געפּלאַנצטער ט ר י ע ב צו גלויבען...

ה ו ר ק נ ו ס (מיט לייכט ציטערנדער שטים): —
און דער צעהנטער טהייל? ...

ש מ ע י: —
דער צעהנטער איז דאָס ריינע ליכט
פון וואַהרען פּריסטער, וועלכער בויט
פון י ע נ ע נ י י ן אַלטאַרען אויף
פאַר גאָט דעם אמת'ען;
צי דער באַטרוג פון פאַלשען כהן
וואָס שמעלצט זיי מיט זיין בייזער גלוט,
און פורעמט געצען אויס פון זיי.

ה ו ר ק נ ו ס (דעם קאָפּ געבויגען): —
אָ שמעי הייליגער,
וואָס ווילסטו איך זאָל זאָגען דיר?

ש מ ע י (הויבט אויף זיין האנד וועלכע טרייסעלט זיך פון אן אינערליכען קאמפף): —

אָ הורקנוס...

(זיינע ליפען צוקען ווי די ווערטער וואָלטען איהם שטיקען)

ניט די סנהדרין שטעהען איצט פאַר דיר,
נאָר ס'גאַנצע פאָלק, דאָס ש ט ו מ ע פ אָ ל ק...
קוק אין די אויגען אונז אַריין,
און זאָלען מיר דורך דיינע שוואַרצאַפּעלס
טיעף אין דיין זעעל אַריינבליקען.
זאָל דיין נשמה זיך אויף איין מאָמענט
מיט אונזערע צונויפגיסען,
און נאַקעט זאָל דיין זינן אַנטפּלעקען זיך.

(זיין שטים ווערגט זיך פון טרעהרען)

ביזט דו דעם ריינעם גאָט געטריי?
ביזט דו דיין פאָלק געטריי?
ווערסט דו אין אין יענער איינזאַמקייט
אין קדשי־קדשים'ס הייליגקייט,
וואו קיינער וועט ניט אָנזעהן דיך,
און קיינער נאָכשפּיאָנען,
און קיינער דיר דיין פליכט דערמאָנען —
מיט ריינעם גייסט אַריינטרעטען?

וועסט דו ישראל'ס גאָט ניט לעסטערען
מיט זינד־געדאַנקען ? —

(פויזע. הורקנוס פערדעקט זיין געזיכט און וויינט. די זקנים דריקען ארונטער די קעפּ אום ניט צו זעהן ווי דער אויבער־פּריסטער וויינט.)

ש מ ע י : —

אַ שווערע לאַסט מיר דריקט מיין אַמט אַרויף ;
צו צווייפלען ד י ך, צו פאַרשען ד י ך
אָן וועלכען אָנגעקניפּט
דעם פאָלק'ס אמונה איז...
דעם פּריסטער וועלכער צווישען אונז און גאָט
זאָל זיין דער רינג דער הייליגער...

ה ו ר ק נ ו ס : —

וואָס זאָל איך טהון ?

ש מ ע י : —

שווער !

ד י ס נ ה ד ר י ן (אין אַ כאָר פון שטימען) : —

שווער !

ה ו ר ק נ ו ס : —

ביי וואָס ?

שמעי: —

ביי דעם וואָס הייליג איז ביי דיר;
דען יעדער האָט זיין הייליגקייט...
שווער אַז דו וועסט דיין פאָלק ניט נאַרען!

די סנהדרין (אין כאָר): —

שווער אַז דו וועסט דיין פאָלק ניט נאַרען!

(הורקנוס שטעהט אין זיך אַליין פערזונקען. פון ווייטען הערט זיך אַ כאָר־געזאַנג פון לוים):

אָ גאָט, ניט לאָז דיין קנעכט אין אַנגסט
און שיק איהם הילף אַנטקעגען,
אָ גאָט פון ליכט און גאָט פון גנאָד,
בעשימער זיינע וועגען...

הורקנוס (האָרכט אויפמערקזאם ביז דאָס געזאַנג הערט אויף. דאַן הויבט ער האַסטיג אויף די האַנד און זאָגט מיט פעסטער שטים): —

איך שווער!...

(די סנהדרין פאַרבויגען זיך פאַר׳ן כהן גדול און געהען איינציגווייז אַרויס. פון ווייטען דורך די זיילען זעהען זיך די פאַרבען פון דעם זונען־אונטערגאַנג. אין דער האַלב־דונקעלהייט בלייבט הורקנוס

אליין. ער קוקט אַ לאַנגע צייט אויף דעם מערב־הימעל. דאַן כאַפּט ער זיך פּלוצלינג אויף און רעדט צו זיך אַליין.)

ה ו ר ק נ ו ס: —

„דאָס ריינע ליכט" — געזאָגט האָט שמעי;
און ווען דער ריינער זונען־שטראַהל,
אויף פאַרביגע קריסטאַלען פאַלענדיג,
זיך ברעכט אויף רויט און בלאָה און גרין —
אַוואו איז ד אַ ן דאָס ריינע ליכט?
איז איטליכער קאָליר דער אמת'ער?
איז יעדער איינציגער באַטרוג? —
יא, אַלע זיינען זיי עגאַל,
און אַלע בלויז פערקריפּעלטע,
און בלויז אַן אָפּשיין פון דעם מוטער־שטראַהל.
און ווי זאָל איך מיין אייגען ליכט
מיט ז י י ע ר ע ן צונויפגיסען?
אַוואו דעם וואָרצעל־פונק געפינען
וואָס איניגט די געטרענטע ליכט־פעדעם? —
די זונן — די זונן זי איז דער קוואַל פון אַ ל ע;
דאָך קיינער ניט, ניט זיי ניט איך
קען זעהן מיט שוואַכען מענשען־אויג
די בלענדענדע געשטאַלט...

(פּויזע)

און ווען איך זאָל אויף זייער שפּראַך זיי ריידען,
און מיין אמונה איינוויקלען
אין זייער גלויבענ׳ס מאַנטעל,
וועל איך זיי נאַרען דאַן? —
בין איך ניט טריי צו זיי?
האָב איך ניט נעכט און טעג,
פאַר זיי געטרוימט, פון זיי געטראַכט,
פאַר זיי געהאָפט, פאַר זיי געוויינט?
זידט ניט מיין יעדער טראָפּען בלוט,
מיט הייסער ברידערשאַפט,
פאַר איטליכען פון זיי?
און איז ניט זייער גליק
דער פּולס וואָס שלאָגט אין מיינע שלייפען?
און טראָג איך ניט מיין שווערע פּריסטער־קלייד,
און האָב איך ניט מיין יוגענד־ברוסט
אין חושן און אין אפוד איינגעקרעמפּפּט,
אום בלויז צו דיענען זיי?...

(פּויזע)

די כהן־קליידער זאָל איך אויסטהאָן,
אַוועקגעהן ווי אַ קרעציגער פון זיי,
און ראָסטען זאָל מיין פּ ר י ס ט ע ר ־ ק ר א פ ט,
וואָס יאָהרענלאַנג געשפּאָרט האָב איך,
געזאַמעלט טראָפּענס־וויוז,

ביז כ׳האָב אין זיך די רייפע מאַכט געפיהלט,
אויף מיינע שולטערען צו הויבען זיי,
אום נעהנטער זאָלען זיי
צום בלאָען הימעל זיין...
אין ראָסט צופאַלען זאָל מיין קראַפט,
און צעהרען זאָל מיין זעעל,
מיין נ י ט ־ פ ע ר ב ר ו י כ ט ע ליעבע —
בלויז ווייל איך זעה אין גאָלד־מזבח
ניט מעהר ווי גלענצענדען מעטאַל...
בלויז ווייל דעם הימעל׳ס פורפור־פראַכט,
וואָס דאָרטען אין די בערג פערגעהט.
מיר רעדט פון גאָט׳ס אַלמעכטיגקייט,
פיעל מעהר ווי יעדע כרוב־געשטאַלט
פון מענשען־הענד געשמידט...
בלויז ווייל די וויהרויך־פאַן
מיך פילט ניט אָן מיט יענעם שרעק
וואָס ז י י אין די עזרות פיהלען...

(פויזע)

און זאָל איך פון מיין הייליגטהום
אַרויסגעהן צווישען יענעם מענשען־תהום
און זאָגען: „כ׳האָב גענאַרט אייך!
„מיין גאָט איז ניט דעריעניגער,

„צו וועלכען איהר זייט מקריב שלאַכטאָפּפער,
„ניט יענער וועלכער אויף די כרובים רוהט,
„ניט יענער וועלכער אויפ'ן גאָלד־פּרוכת שוועבט" —
מיט טויזענד שטיינער וועלען זיי מיך טויטען,
נאָך איידער ס'וועט מיין צונג
אַרויסזאָגען וואָס א י ז מיין גאָט...
פערשוועכען וועל איך ז י י ע ר ע ן,
און מ י י נ ע ם וועלען זיי ניט קענען...

(לאַנגע פּויזע)

יא, איך וועל ז י י ע ר שפּראַך זיי ריידען,
איך וועל פון ז י י ע ר גאָט זיי ריידען,
דען מ י י נ ע ר איז ער, מיינער אויך.
ריים איך די ציערונג בלויז אַרונטער,
און פליק איך בלויז אַראָפּ
דאָס גאַנצע פליטער־ווערק,
וואָס קינדער־מענשען האָבען דורות־לאַנג
אַרום די גאָט־געשטאַלט געפלאָכטען,
דאַן האָב איך יענע אַלץ־באַשאַפענדע
און אַלץ־באַוועגענדע געהיימנים,
וואָס פילט מיט פרומען שוידער מיך...
און זאָל איך זייער קינדער־זינן צוליעב,
מיט ביליגע פאַרפּוצונגען,

מיט שפּיעלצייג פון באַגולטען צינן,
מיט פאַלשען גאָלד־בראָקאַט,
אַרומהענגען דאָס בילד,
וואָס איך פאַרהייליג אין מיין ברוסט —
דאַן איז עס ז י י ע ר ס אויך...

(פּויזע)

און וועל איך ז י י פאַרראַטהען דאַן?
וועל איך מ י י ן גאָט פאַרראַטהען דאַן? —

(פּויזע)

„נ י י ן ־ צ ע ה נ ט ע ל איז דער ט ר י ע ב צו גלויבען"—
געזאָגט האָט שמעי'ס קלוגער מויל —
און וואָס מאַכט אויס דאָס איבריגע? —
דער דונקלער ט ר י ע ב, דער צוגעדעקטער סוד,
די טיעף־פערבאָרגענע באַדירפעניס,
וואָס שווימט אַרויס אין אונזערע געדאַנקען,
אַמאָל אין גלוטיגער א מ ו נ ה,
און אָפט אין פייניגענדען צ ו ו י י פ ע ל,
און אָפטמאָל אויך אין גאָט ־ צ ו ש ט ע ר ו נ ג.
(אום פלאַץ צו מאַכען פאַר אַ נ י י ע ם גאָט) —
דאָס איז דער קערען וועלכער אייביג לעבט,
דער קערען וועלכער אייביג פרוכטען טראָגט;

דער פונק וואו איך און זיי
זיך טרעפען ד אָ ך צוזאַמען...

(פון ווייטען הערט זיך א כאָר־געזאַנג פון לוים):

גאָט'ס שטים זי שאַלט,
פון וועל און וואַלד,
פון שטראָם און שטורעם דרינגט זי,
גאָט'ס שטים, זי טרעלט
פון פעלז און פעלד,
און טויזענד־פאַכיג קלינגט זי...

ה ו ר ק נ ו ס (האָרכט. זיין געזיכט שטראַהלט אויף. זיינע אויגען גלאַנצען. ער מורמעלט שטיל): —

דיזעלבע שטים פון גאָט
דאָך ט ו י ז ע נ ד ־ פ אַ כ י ג קלינגט זי...

(אָפּ.)

מלכת שבא

.1

קעניג שלמה

די מתנות פונ׳ם הימעל,
איינציגוויז און קאַרג נור פאַלען;
שפּאָרעוודיג פון זיינע אוצרות,
טהיילט כביכול אוים געשאַנקען.

איינער קריגט אַ קורח׳ם רייכטהום,
און אַ צווייטער שמשון׳ם גבורה,
חן און שעהנקייט קריגט דער דריטער,
און אַ פיערטען גיט ער חכמה.

אָבער אין אַ הונדערט יובלות,
טרעפט אַמאָל אַז דער באַשעפער,
קוקענדיג אויף זיינע וועלטען,
קוועלענדיג פון זייער שעהנקייט —

שמייכעלט ווידער י ע נ ע ם שמייכעל,
וועלכער האָט זיך זים צוגאָסען
אויף זיין פנים, ווען געענדיגט
נאָר־וואָס האָט ער די באַשאַפונג...

בלויז אַ טויזענד־טויזענד חלק
פון אַ רגע, שטראַהלט דער שמייכעל,
אָבער יעדען קינד וואָס דאַמאָלס
פון זיין מוטער׳ס לייב אַרויסגעהט

זיינען אָפּען אַלע אוצרות,
פון דער ערד און פונ׳ם הימעל,
אַלע טהייערע מתנות,
ווערען איהם אַוועקגעשאָנקען...

גבורה, חכמה, חן און רייכטהום,
אַלע שעהנע מדות טובות,
איהם געהערען פון זיין קינדהייט,
איהם בעגלייטען דורך זיין לעבען.

און מלאכים אויף זיין וויגעל,
האַלטען אויסגעשפרייט די פליגלען,
טאַג און נאַכט משמורים שטאַרקע
היטען אָפּ „דאָס קינד פון שמייכעל“...

און פון ווינעל ביז'ן קבר,
איהם בעוואַכט דער הימעל־חיל
תמיד גרייט איהם צו בעשיצען,
תמיד גרייט צו טהאָן זיין ווילען.

אָט אין יענעם טויזענד־חלק
פון כביכול'ס שמייכעל־רגע,
איז געבאָרען מלך שלמה,
איז געבאָרען יהודה'ס קעניג...

2.

די נאַכריכט

ווי דער דופט פון נאַרדען־פעלדער,
פון אַ ווייטען ווינד פאַרטראָגען,
ווי דער וואונדערליכער ספור,
פון באַגולדטע צויבער־שלעסער,

וועלכער אינ׳ם בין השמשות
רייצט און וועקט דעם קינדער־דמיון —
צו דער קעניגין פון שבא־לאַנד,
אָנגעקומען זיינען קלאַנגען:

„ערגעץ, ערגעץ אין דעם שאָטען,
פון די טויזענד־יאָהריג אַלטע
צעדערבוימער פון לבנון —
איז פאַראַן אַ לאַנד יהודה...

דאָרטען וואויהנט אַ פאָלק אַ ק ל י י נ ע ס,
דאָרטען הערשט אַ ג ר ו י ס ע ר קעניג,

איהם געשענקט די געטער האָבען,
אַלדאָס גוטס וואָס זיי פאַרמאָגען.

איהם געציערט מיט אַלע מעלות,
איהם געגעבען אַלע קרוינען —
קרוין פון חן און קרוין פון שעהנהייט,
קרוין פון רייכטהום און פון גבורה.

אָבער איבער אַלע קרוינען,
וואָס זיין יונגען קאָפּ באַקרענצען,
גלאַנצט און שימערט יענע חכמה
וואָס אַנטפּלעקט איהם אַלע סודות.

פון דער ערד און פונ'ם הימעל,
פונ'ם מענשען און פון חיות,
פון די וואָלקענס און די ווינטען,
פון דעם ים'ס געהיימסטע תהום'ען...

הערט ער ווי אַ פויגעל סוויסטשעט,
הערט ער ווי אַ בלעטעל שאָרכעט,
צי דער זומער־רעגען שפּרינקעלט —
ע ר פערשטעהט דעם וואונדער־לשון...

און די שטומע שפּראַך אפילו,

פון דעם רויטען מאָרגען־אויפגאַנג,
פון דעם בלייכען אבענד־שטערען,
פון די טויזענדער קאָלירען,

וועלכע בייטען נאָכאַנאַנד זיך,
אויף די בוימען און די בלומען,
אויף די פעלזען און די וועלען —
יענע שפּראַך איז אויך באַקאַנט איהם...

דען ער טראָגט אַ וואונדער־שליסעל,
וואָס צו יעדער צייט איהם עפענט
יענע סודות, וואָס פאַרזיגעלט
זיינען אַלעמען געבליבען. —

.3

באַלקיס

פון אַניקס און מאַרמאָר געבויט איז דער פּאַלאַץ
די שוועלען פון זילבער געשמידט,
און טויזענד געפּאַנצערטע שוואַרצע גבורים
בעוואַכען דער קעניגין'ס טריט...

דאָך באַלקיס' געזיכט איז מיט קומער פאַרשלייערט
איהר הערץ איז מיט זאָרגען באַשווערט,
מיט דונקעלע טרוימען פאַרוועבט האָט איהר זינען
די נאַכריכט פון ווייטען געהערט...

עס פאַלען צופלאָכטען די ראָב־שוואַרצע לאָקען,
די פּעך־אויגען גליהען פאַרשמאַכט;
וויל קיינעם ניט זעהן מעהר, וויל קיינעם ניט הערען,
פון שלמה'ן נאָר זיצט זי און טראַכט...

ניט רוהם פון זיין שעהנהייט, ניט רוהם פון זיין חן האָט
געפילט מיט ענטציקונג איהר ברוסט;

ניט זיינע פון גינגאָלד געמייסטערטע טהראָנען
באַקוקען איהר האָט זיך געגלוסט...

נאָר האָט זי די חכמה פון קעניג געצויגען
זיין קלוגהייט וואָס האָט ניט קיין ענד,
זיין בליק וועלכער האָט פון דעם פינסטערען אָפּגרונד
אַנטפּלעקען דעם אמת געקענט...

אַנטפּלעקען די סודות וואָס זי האָט אומזיסט נאָר
אין שבא'ס אַלטע טעמפּלען געזוכט,
און עפנען דעם הייליג באַהאַלטענעם גאָרטען
וואו ס'וואַקסט פון דעם וויסען די פרוכט...

. . . .

און איטליכען טאָג קומען אָן קאַראַוואַנען
און שפּרייטען פון קעניג דעם קלאַנג,
און איטליכען טאָג ברענט אין באַלקים דער שעהנער
אַלץ מעהר דער געהיימער פאַרלאַנג...

4.

די רייזע

הונדערט אויסגעפוצטע קעמלען
קלינגענדיג מיט זילבער־גלעקלעך,
צוגעדעקט מיט גאָלד־געזוימטע
בלוטיג־רויטע סאַמעט־דעקען —

טראָגען באַלקים׳ בעסטע אוצרות
עלפענביין־ און גינגאָלד־כלים,
פערל־שנורען און קאַרעלען,
פונקעלדיגע דימענט־קרוינען,

און סאַפירען און זמאַראַגדען
און רובינען גרויס ווי קאַרשען,
וועלכע גלימצערען און גלאַנצען
מיט דעם רעגענבויגענ׳ם פאַרבען;

און אַ הונדערט רייכע מאַנטלען
אויסגעוועבט פון פיינסטען זיידענם
דינער פיעל פון שפּינוועבס־פעדעם,
דינער פיעל פון זומער־פעדעם —

פאַר דעם וואונדערמאַן מתנות,
פאַר דעם גרויסען יונגען קעניג,
אין דעם קליינעם לאַנד דעם אַלטען,
אין דעם לאַנד פון צעדערבוימער.

און פינף־הונדערט ריעזען־שקלאַפען
שעהן און שלאַנק ווי יהודה׳ם פאַלמען,
און שקלאַפינען פיעל מעהר רייצענד
פון דעם שרון׳ם רויטע רויזען,

אויסגעזוכט פון אַלע לענדער,
אויסגעוועהלט פון אַלע פעלקער —
טראָגען קערב פון קרייטער זיסע
בשמים טהייערער פון שאַצען.

און די שקלאַפען און שקלאַפינען,
און די קרייטער און געווירצען,
אַלע געהען אַלם געשאַנקען
צו דעם גאָט־געקרוינטען הערשער...

און אין מיטען פון דער מחנה,
אויף אַ׳ן עלעפאַנט אַ הויכען,
אַנגעשנאָלט אַ חופה־טהראָן איז,
דאָרטען זיצט די יונגע מלכה...

טעג פאַרגעהען, וואָכען שווינדען —
דורך די זאַמדען פון דעם מדבר
שלענגעלט שטום דער קאַראַוואַן זיך,
בלויז די קעמעל־גלעקלעך קלינגען...

טעג פאַרגעהען, וואָכען שווינדען —
אָנגעלעהנט אויף איהרע קישענס,
אויף דעם עלפאַנט'ס רוקען וויעגט זיך,
מלכת־שבא פאַרטיעפט אין טרוימען...

און ביי נאַכט ווען אויף די זאַמדען
שלאָפענדיג דער קאַראַוואַן ליגט,
עפענט זי די טהראָן־גאַרדינען
און באַקוקט אַרום דעם מדבר...

און זי זיפצט אַרוים איהר בענקשאַפט
אין די שטערענדיגע וויסטקייט,
און די ליפּען איהרע מורמלען:
„קעניג שלמה! קעניג שלמה!"

5

באַגעגענים

„אַ וואונדער־מלך אין מיין לאַנד געדרונגען
„אויף הונדערטער באַוואונדערענדע צונגען
„די נאַכריכט פון דיין גרויסע חכמה איז,
„און לאַנג האָב איך געשמאַכט נאָך דיינע שטראַהלען
„און טעג און נעכט געגאַרט האָב איך צו פאַלען
„מיט מיין געבעט פאַר דיינע קעניג־פיס...

„דיין בליק וואָס גרייכט אין אַלע וויטע עקען,
„דיין אויג וואָס קען די טיעפקייטען אַנטפּלעקען,
„מיר ווייזען זאָל צום לעבענ׳ם סוד דעם שטעג —
„אַ גרויסער הערשער, כ׳ברינג דיר מיין פאַרמעגען,
„און דו גיב מיר אַ חלק פון דיין זעגען,
„אַ טהייל בלויז פון דיין חכמה אָהן אַ ברעג“...

אַזוי רעדט באַלקיס פאַר׳ן טהראָן געבויגען,
און ווענדט אויף שלמה׳ן איהרע שעהנע אויגען,
און זוכט איהר גורל פון דעם קעניג׳ם צונג;
עס הענגט אַ טרעהר אויף איהרע זיידען־ברעמען,
און שרעק און צווייפעל איהר געמיטה באַקלעמען,
און פלוצלינג... זעה, דער קעניג, שעהן און יונג,

פון גינגאָלד־ לעהן־ שטוהל איז אַראָפּגעגאַנגען,
און באַלקים הערט זיין פולער שטימע׳ס קלאַנגען: —
„אָ יונגע פירסטין, שבא־לאַנד׳ס צויבער־בלום,
„ניט דו צו מיר זאָלסט קומען בעטען גנאדען,
„און שיקען קעמלען מיט געשאַנק באלאדען,
„און שקלאַפּען מיט געווירצען און פּאַרפום...

„דעם לעבען׳ס סודות, קינד מיינס, ווילסטו וויסען? —
„דו ה אָ ס ט זיי שוין און דאַרפסט זיי בלויז געניסען;
„האָסט אויגען שעהנער פון דעם מדבר׳ס נאַכט,
„האָסט גליעדער ווייכער ווי די מירטען־צווייגען,
„האָסט ליפּען וואָס אַ וועלט מיט לוסט פאַרשווייגען,
„און אַלע אוצרות האָסטו אין דיין מאַכט...“

דעם קעניג׳ס אויגען שפּריצען ליעבעס־פונקען,
און ס׳פליסט זיין שפּראַך מיט ליידענשאַפט באַטרונקען·
דאָך בלייכער ווערט דער קעניגינ׳ס געזיכט,
זי הערט ניט מעהר דעם קעניג׳ס ווערטער,
זי הערט בלויז ווי איהר גלויבען דער צושטערטער
אין שווערע שטיינער אויף איהר הערצען פאַלט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

גאָט׳ס גערעכטיגקייט

(לויט אַ לעגענדע)

און פּרעה׳ס מאָרד־לוסט ווייס ניט מעהר קיין גבול,
טאָג־טעגליך וואַקסט זיין האַס צום גושן־פֿאָלק,
און דורך מצרים איז ארוים דאָס גרויזאַם וואָרט:

„וואו א אידיש קינד אַ זויגלינג פון דער ברוסט,
„וואָס נילוס׳ שטראָם נאָך ניט פאַרשלונגען האָט,
„אין פּתום און אין רעמסס ווערען זאָל געבראַכט,
„און איינגעמויערט אין דער פעסטונג־וואַנד...
„אַ שיכט פון לעהם און ציגעל און אַ שיכט פון זיי,
„און פּרעה׳ס גרויסקייט זאָל פון פּרעה׳ס האָס
„זיך אויפבויען אַ שטאַרקע ציטאַדעל...“

און שנעל ערפילט ווערט דעם טיראַן׳ס באַפעהל,
און שיכט אויף שיכט מיט מאַרך און בלוט באַשפּריצט,
פאַרשטיקען הונדערט קליינע לעבענס מיט אַמאָל,
און פּרעה׳ס דיקע פעסטונג שטייגט מיט שטאָלץ אין דר׳הויך...

געקומען איז דער הייליגער פּראָפעט, און האָט
די בלוט־באַפלעקטע מענשען־וואַנד דערזעהן...
און פון זיין קעהל אַרויסגעבראָכען האָט
אַווילדער קרעכץ:
„גאָט פון גערעכטיגקייט!
איז פּרעה׳ס ווילען מעכטיגער פון דיר?
„האָט פּרעה׳ס גרויזאַמקייט דיך פון דיין טהראָן פאַריאָגט,
„האָט ער דיין יושר־צעפּטער דיר גערויבט?...“

און פון די הימלען האָט אַראָבגעראָלט אַ קול: —
„דיין לעבען איז דאָס לעבען פון אַ גראָז,
„וואָס טרינקט זיין מעסטעל טהוי, זיין חלק זון,
„און וועלקט און איז ניט מעהר פאַראַן...
„דאָך אייביג לעבט דער קעניג פון גערעכטיגקייט,
„און וועלטען צעהלט ער בלויז ווי קערענדלעך פון זאַמד,
„און הונדערט דורות ווי אַ וואונק פון אויג...
„און צווישעןביידע וואָגשאָלען,
„פון זיין פאַרהילטער וואָג,
„פאַרשווינדען יובלות אָפּט...

„ציה פון דער פעסטונג־וואַנד אַ קינד אַרויס,
„און זעטיג דיין רחמנות־דורשט,
„און אויפרייסען זיך וועט פאַר דיר,
„דער צוקונפט׳ס שלייער־טוך...“

געהאָרכט האָט משה האַסטיג דעם געבאָט,
און האָט דעם זויגלינג וויינענדיג געקוסט,
און אין זיין אָרעם טוליענדיג געגלעט...

און דאַן געוואָרען פינסטער איז אַרום,
נאָר וויט ביים האָריזאָנט,
האָט אויפגעעפענט אימיצער אַ טהיר,
און פון דער טהיר אַרויסגעשאָסען האָט,
אַ שטעג פון ווייסען ליכט...
און דורות שפּעטע האָט זיין אויג דערבליקט,
אין רייה נאָך רייה...
און ער האָט אַן אַלטאַר געזעהן,
און ביים אַלטאַר אַ פאַלשען גאָט,
און נאָהנט געשטאַנען איז אין פּריסטער־קלייד,
אַ מאַן וואָס האָט צום פאָלק גערעדט,
און יעדעס וואָרט געוועזען איז אַ לעסטערונג,
אַקעגען וואַהרען גאָט...
און ס'פאָלק האָט צו דעם פּריסטער צוגעהאָרכט,
און האָט צום גאָט פון זינד געדיענט...
און יעדע ליפּ געטריפט פאַרברעכען האָט,
און יעדע האַנד געדאַמפּפט האָט בלוט...

און שוידערנדיג געפרעגט האָט דער פּראָפעט: —
„ווער איז דער מאַן וואָס פיהרט צו זינד דאָס פאָלק,

„און לעסטערט דיך און דו אין הימעל שווייגסט?...
„ווער איז דער מאן?..."

„דערקענסטו ניט דעם קליינעם כרוב,
„וואָס אָפּגערויבט דיין מיטלייד האָט,
„פון ג אָ ט׳ס ג ע ר ע כ ט י ג ק י י ט?—"
געענטפערט האָט די שטים...

1909

בין השמשות

דער טויטער מארשאלעק

די סעודה געענדיגט, איצט קומט די הוליאַנקע;
אַהער די באנדורעס און פלייטען! —
לכבוד דעם חתן, לכבוד דער כלה,
זאָל יעדער צום טאַנצען זיך גרייטען.

און תכף זיך נעהמען די כלי־זמר צום שפּיעלען,
עס ריהרען זיך לוסטיג די גליעדער,
פון האָפּקעס, קאזאַצקעס, און ברוגז־טענץ שענע,
פאַרפלעכט זיך אַ ווילדעס געשליעדער.

איצט טאַנצט מיט די הענד אין דעם זיידענעם גאַרטעל,
דער אַלטער מחותן רב מלך,
ער געהט א „קראקוז" אויף אַמאָליגען שטייגער;
די קרואים פּאַטאַקעווען פרעהליך.

דאָך זעהט נאָר... פון עולם שפּאַרט איינער אַרויס זיך:
„אַט דאָס רופט איהר טאַנצען?... פע כ'לעבען!
„איהר מעגט נאָך רב מלך ביי מיר געהן אין חדר —
„אַט וועל איך אַ טענצעל אייך געבען..."

נו לעבעדיג, לוסטיג, באנדורעס און פלייטען,
די געסט פּאַטשען־צו מיט געלעכטער,
דער פרעהליכער אידעל פּאַרקאַשערט די פּאָלעס,
(שוין קענטיג אַ קאָפּ אַ באַשוועכטער)

און לאָזט זיך אַוועג אין אַ ווילדע קאַזאַצקע...
אַט בייגט ער און דרעהט זיך אין דרייען,
אַט שפּרינגט ער משונה אַזוי ווי אַ זשאַבע,
אַט שווימט ער אַרום ווי אַ שלייען...

אַט קאַרצעט ער אויף זיך אַזוי ווי צום זיצען,
אַט ציהט ער זיך אויס אויף שפּיץ־פינגער,
און טאַנצענדיג דאַכט זיך אַזוי ווי די אברים,
איהם ווערען אַלץ לייכטער און גרינגער...

ער טראָגט זיך און יאָגט זיך, קוים זעהט מען די פיס שוין,
מאַכט שטענדיג אַלץ שנעלערע קרייזען,
און נוקעט די כלי־זמר: „שפּילט גיכער! שפּילט גיכער!"—
קוים קענען די פלייטען באַווייזען...

אַט טאַנצט ער שוין גאַר ווי אַ שד אין דער לופטען,
אזוי ווי פון וויכער געטראָגען,
און נוקעט די כלי־זמר: „שפּילט גיכער! שפּילט גיכער!" —
קוים קען איהם דער צימבעל דעריאָגען...

שוין טאַנצט ער קאַפּויר מיט די פּיס אויף דער סטעליע,
און אונטען צו דר'ערד איז די צורה,
און נוקעט: „שפּילט גיכער, שפּילט גיכער!..." דאָך פּלוצלינג
געפּלאַצט האָט די גרויסע באַנדורע...

און נעלם איז האַסטיג דער טענצער געוואָרען,
פאַרשלונגען געוואָרען ווי קרח,
נאָר חנא דער פּייקלער האָט באַלד זיך געשטויסען,
ווער איז דער פאַרשוואונדענער אורח:

„דאָס איז ער, דער מאַרשאַליק, טויט שוין פון יאָהרען,
„וואָס טרייבט זיך אַרום כף הקלע,
„און קומט איטליך יאָהר אויף אַ חתונה טאַנצען,
„זיין טענצעל פאַר חתן און כלה..."

1908

דיא בייזע חאליאסטרע

עס וואַיעט דערויסען אַ שנעע־זאַווערוכע,
די ווינטער־נאַכט לאַזט זיך אראָפּ,
די אַלטינקע דאָבע האָט אויפגעהערט שטריקען,
און שאָקעלט פאַראומערט דעם קאָפּ: —

„איהר הערט ווי עס סוויסטשעט די בייזע חאַליאַסטרע,
„וואָס לילית פיהרט אָן אויף געיעג? —
„קומט קינדער איך וועל אייך אַ ספור דערצעהלען,
„פון אַלטע אַמאָליגע טעג...

„אין שטעדטעל אַמאָל איז אַ גאָלדשמיד געוועזען,
„זיין ווייב איז געוועזען אַ גאָלד,
„אַ שטילע אַ פרומע אַ קלוגע אַ גוטע,
„אַ פּנים — אַזוי ווי געמאָלט...

„די ליעבשאַפט פון פּאַארעל געוועזען איז אַ וואונדער,
„מען האָט זיך געהאַלזט און געקוסט,

„ער וואָלט איהר דעם טעלער פון הימעל געקריגען,
„ווען ס'וואָלט זיך דעם ווייבעל פאַרגלוסט...

„און פלוצלינג אַ שנאה צו איהר קריגט דער גאָלדשמיד,
„זי וויים ניט פאַר וואָס און פאַן ווען,
„זי טהוט אַלע סגולות, זי פרעגט גוטע אידען,
„אַוואו נאָר אַ טאָטער געווען,

„אַוואו אַ ציגיינער וואָס וויים פון אַ קרייטעכטס,
„אַוואו נאָר אַ פרוי וואָס פאַרשפרעכט,
„דאָך העלפט ניט קיין שפרעכען, עס העלפען ניט קרייטער,
„געוואָרפען אַן אומ'חן — און שלעכט...

„פאַלט אָן נאָר דער אבענד, פאַרטראָגט איהם דער גלגול,
„זי וויים ניט אַוואו ער קען זיין,
„ערשט שפעט אין דער נאַכט, זיך באַווייזט ער, און שטורעמט
„אַזוי ווי אַ גזלן אַריין...

„איהר געהן איז איהם נמאס, איהר שטעהן איז איהם נמאס,
„ער לאַכט פון איהר איטליכען וואָרט,
„ער שילט און ער זידעלט און שפייט איהר אין פנים,
„און רופט זי וואָס שטעהט נאָר אין קאָרט...

„גוויינט אין דער שטיל האָט דאָס אָרעמע טייבעל,
„געזעסען פון חרפּה אין הויז,
„די שכנים בלויז האָבען געוואוסט, אַז דאָס ווייבעל
„אַזוי ווי אַ ליכטעל געהט אויס.

„איין מאָל... ס'איז די נאַכט פון'ם סדר געוועזען,
„דער טיש איז געווען שוין געגרייט
„אַ רגע פאַר קדוש... הייבט אויף זיך דער גאָלדשמיד,
„און רוקט זיך ארוים שטילערהייד...

„דאָס ווייבעל וואַרט איין שעה, און צוויי שעה און דריי שעה,
„אַ פינסטערער שרעק זי באַפאַלט...
„זי טהוט אָן דאָס שאַל'כעל און זוכט אויפ'ן הויף איהם,
„און פּלוצלינג... אין שטאַל, דורך אַ שפּאַלט,

„דערזעהט זי עם זיצט אַ חאַליאַסטרע ניט-גוטע,
„אין סאַמעט און אַטלאַס געקליידט,
„די שטוהלען פון זילבער, דער טיש אַלאַבאַסטער,
„מיט דעקען פון גינגאָלד באַשפּרייט..

„און ווייגען דאָרט שטעהען און מעד און געטראַנקען,
„אין כוסות פון רויטען רובין,
„און אַלערליי מינים פון שפּייז און פּאַטראַוועס,
„אין שיסלען פון לויטער בורשטין...

„און לילית אַליין זיצט אויף זיידענע קישענס,
„מיט נאַקעטען שנעע־ווייסען לייב,
„דערביי אויף אַ הסבֿ־בעט סדר'ט דער גאָלדשמיד,
„און לילית'ן רופט ער זיין „ווייב“...

„דאָס ווייבעל האָט קוים נאָך אַהיים זיך דערטראָגען,
„צו קיינעם אַ וואָרט ניט גערעדט,
„און קוים זיך דערוואַרט ביז דער יום־טוב אַוועג איז,
גענומען פון גאָלדשמיד אַ גט...“

. . . .

שוין פינסטער... די פּראָסטיגע שויבען נאָר שטאַררען,
ווי אויגען פאַרצויגען און בלינד,
די שפּיזלען צופאַלען... די אַלטינקע דרעמעלט,
און ס'וואָיעט און סוויסטשעט דער ווינד...

1908

דער מגפה-ווינקעל

אויף דעם אַלטען בית הקברות,
ווייט פאַררוקט ביים סאַמע גראבען,
וואו געדיכטע בוימען פלעכטען
אין אַ דיקען סכך צונויף זיך —

צוגעדעקט מיט גראָז און קוסטעס,
און צובראָכענע מצבות,
שלומערט דער מגפה־ווינקעל,
אָנגעפילט געדיכט מיט קברים...

און עס גערט אַן אַלטע מעשה
אַז צוריק מיט כמה יאָהרען,
האָט אַ פינסטערע מגפה
זיך פון העלער הויט באַוויזען.

אינ׳ם שטעדטעל דאָן געוועזען,
איז אַ חתונה אַ גרויסע,
און אויף מאָרגען נאָך דער חופה,
זיינען אַ ל ע, חתן־כלה,

מיט די פריינד און מחותנים,
מיט די געסט און מיט די כלי־זמר,
קראַנק געוואָרען אויפ׳ן רומפעל,
און אין זעלבען טאָג געשטאָרבען...

און דער קברות־מאַן יחיאל
פלעגט דערצעהלען אַז נאָך איצטער,
ווען עס קומט די נאַכט פון יאָהרצייט —
יאהרצייט נאָך דעם וויסטען רומפעל —

ריהרט זיך דער מגפה־ווינקעל,
און עס קומען פון די קברים,
מיט באנדורעס און מיט פויקען,
די געשטאָרבענע כלי־זמרים...

און זיי שפיעלען אויף אַ פרעהליכס...
ביז עס הייבען אָן זיך ווייזען,
אָנגעטהאָן אין טויטען־קליידער,
ערשט דער חתן דאַן די כלה,

דאַן אַן עולם מחותנים,
און פון געסט אַ גרויס געזעמעל,
און זיי שטעלען אין אַ קרייז זיך,
אויף די קברים און מצבות...

דאמאלס ווערט אַ גאַנצע שמחה,
און די חברה אין תכריכים,
געהט אַ קאַרעראָד אַ ווילדען,
אויף דעם פינסטערען בית־חיים...

1909

דער וואסער-טרעגער

אין דער באָד־גאַס עק פון שטעדטעל,
אין אַ קעלער־שטוב אַ נאַסער,
האָט געוואויהנט אַ איד אַן אלטער,
און געלעבט פון טראָגען וואַסער...

פלעגט זיין ברויט „בזעת אפו“,
און מיט שווערער מיה פאַרדינען,
שלעפענדיג די פולע עמערס,
שפעט אין נאַכט און פריה באַגינען...

איז געגאַנגען קרוע בלוע,
ניט געהאַט אַ גאַנצען פאָדעם,
און די נאַקעט־דאַרע ביינער,
פלעגען סטאַרטשען דורך די בגדים...

און געווען קראַנק, אַ חלוש...
קוים געקענט די נאַסטשעס טראָגען —
דאָך אַ קוויקונג איז געווען,
הערען איהם „גוט מאָרגען“ זאָגען...

אַזאַ זיסקייט, אַזאַ מילדקייט,
אַזאַ פרעהליכער בטחון,
אַזאַ שבת־אויפגעראַמטקייט,
אין אַ מיטען אן־דער־וואָכען...

קיינער ניט געוואוסט אין שטעדטעל,
האָט דעם וואַסער־טרעגער'ם יחוס,
קיינער ניט די מיה גענומען,
רעדען ווען מיט איהם באריכות...

איין פריהמאָרגען אין זיין קעלער,
אויף אַ שטיינערנעם געלעגער
איינגעקאָרצעט, האָבען שכנים,
טויט דערוויסט דעם וואַסער־טרעגער...

בלויז אַ הויפען דאַרע ביינער,
צוגעדעקט מיט שמאַטעס אַלטע...
דאָך דער זיסער צדיק־שמייכעל
אויף די ליפען אויף די קאַלטע...

זיך צו־וויינט אין מיטען שיעור
האָט דער גרויסער רב הושיע,
האָט באַפויהלען די תלמידים,
נאָך דעם טויטען רייסען קריעה...

דען אַנטפלעקט געוואָרען פּלוצלינג,
אין געהיים דעם אַלטען רב איז,
אַז געוועזן דער וואַסער־טרעגער
איינער פון די למד־וואו איז...

1907

איינטאָגיגע מלאכים

לאַנגזאַם, אין דעם ענגען חדר
קריכט אַריין דער ווינטער־אָבענד,
שווייגענדיג ארום די טישען,
זיצט דער רבי און די קינדער.

דורך די אָפּגעבליאַקטע שויבען,
רייסט זיך דורך דער לעצטער זונשטראַהל;
ווי אַ ציצה גאָלד־געשפּונען,
פאַלט אויף איטליכע גמרא,

און באַגילט דעם רבין׳ס פּאות,
און זיין ווייסע באָרד די לאַנגע...
דאָך דער רבי זיצט פאַר׳חלומ׳ט,
קוקט ניט מעהר אויף די תלמידים.

גלאָצט צום פענסטער קעגען מערב,
וואו די גאָלד־ציצית זיך שפּינען,
און צורעדט פון העלער הויט זיך,
ווי צו זיך בלויז וואָלט ער רעדען: —

„אין אַ גרויסען ליכט־אוקינוס,
אין אַ ים פון „אור הגנוז“,
שווימט אַרום דער כסא־כבוד,
דורך די הימלען און די וועלטען...

„וויעגט זיך אויף די ווייסע וועלען,
איז אין גאַנצען לויטער פייער —
גלוטיג פייער וואָס פאַרצעהרען
קען אפילו גיהנום־פלאַמען...

„און אַ דיקע וואָלקען־חופּה,
ליכטיג־רויט, געזוימט מיט תכלת,
פלאַטערט אויף דעם שיף פון פייער,
פלאַטערט מיט אַוואו דאָס שיף געהט...

„און באַגינען יעדען מאָרגען,
פונ׳ם כסא־כבוד בליצען
בינטלעך פונקען — יעדעס בינטעל
ווערט אַ כתה פון מלאכים...

„און זיי נעהמען תכף זינגען,
פלעכטענדיג און דרעהענדיג זיך,
מיט די שימערדיגע פליגלען,
רונד אַרום דעם כסא־כבוד...

„אויף דעם גרויסען ליכט־אוקינוס,
אויף דעם ים פון „אור הגנוז“,
טרעלט און טראָגט זיך זייער שירה,
קלינגט פון איין וועלט ביז דער צווייטער.

„גיסט פאַנאַנדער ווי אַ שטראָם זיך,
ווי אַ מבול פול מיט חיות,
גרייכט צום קלענסטען גראָז אפילו,
קוויקט דעם וואָרעם אין זיין ערד־נעסט...

„אבער קוים נאָר קומט דער אבענד,
וועלען כלה די מלאכים,
איינגעזאַפט ווי בינטלעך פונקען,
ווערען זיי צוריק אין טהראָן־שטוהל...“

ס׳גלאָצט פאַרטראַכט און שווייגט דער רבי...
ביסלעכווייז פון די גמרות,
און פון רבינ׳ס באָרד און פאות,
איז דער לעצטער שטראַהל פאַרגאַנגען...

איינגעטונקט אין שאָטענס זיינען,
ביינק און טישען און תלמידים,
נאָר אין ווינקעל אויווען זשאַרעט
זיך, אַ לעצטע קויהל אַ רויטע...

און דער רבי ענדיגט פלוצלינג,
ווי ער וואָלט אַליין זיך טרייסטען... —
„א י י ן טאָג לעבען בלויז די כתות,
א י י ן טאָג בלויז איז זיי פאַרגונען,

„פלעכטען זיך אַרום דער שכינה,
געהן אַרום איהר טהראָן הקפות,
דאַן צוריק אין זייער מקור,
ווערען זיי אַריינגעזויגען...

„אבער אייביג ווי כביכול,
בלייבט די קוויקונג און מתיקות,
בלייבט דער נאָכקלאַנג פון דער שירה
וואָס אַרוים פון זייער מויל איז...

„און יחידי סגולה הערען
אָפט די הייליגע נגינה,
וועלכע טראָגט זיך דורך די וועלטען,
ווי אַ ריח פון געווירצען...“

1907

ליל שמורים

1.

שוין פערזוכט פון אַלע כוסות,
האָט דער נביא אליהו,
שטילע רוה־מלאכים פליהען,
פון די הימלען פון די בלאָע...

טראָגען זיך פון הויז צו הייזעל,
שוועבען אום אויף אַלע דעכער,
גנב'ען זיך אַריין אין פענסטער,
קריכען דורך די שליסעל־לעכער...

בענשען איטליכענס געלעגער,
קוסען יעדוועדען באַזונדער,
שושקען יעדען אין זיין שלומער,
זיסע טרוימען, הימעל־וואונדער...

הייליג איז דאָס קליינע געסעל,
ס'טאָר קיין בייז איהם ניט פּאַסירען,
שנעע־געפליגעלטע מלאכים,
שטעהען וועכטער ביי די טהירען...

.2

אָפּגעשלאָגען צוועלף אַ זייגער,
האָט די גלאָק פון הויכען טהורעם;
אויף דעם שטעדטעל אויסגעשטערענט,
הענגט די שטילע ליל שמורים...

נאָך דער סדר־קאָראָנאַציע,
שלאָפט שוין אומעטום דער „מלך",
איינער בלויז פון ווינקעל־געסעל,
זינגט נאָך שיר־השירים פרעהליך:

„ס'איז די צייט ווען פויגלען זינגען,
און די טורטעל־טויבען ברומען,
ס'בליהען אויף די פייגענבוימען,
און דער וויינשטאָק שפּרייט פּאַרפומען...

„קום צו מיר, געליעבטע מיינע,
פון די פעלזען אין דער ניעדער,
ווייז פאַר מיר דיין שעהנעם פנים,
לאָז מיך הערען דיינע ליעדער...“

1908

לא ינום ולא יישן שומר ישראל

דער קעניג שטעהט אויף פון זיין גאָלדענעם בעטעל,
נים שלאָפען, נים איינדרעמלען קען ער,
עס וועקט און באַוועגט איהם אַ ווילדעס געפלאָנטער,
פון פינסטערע בילדער און טענער...

און ס׳דרינגט און עס קלינגט איהם פון ערגעץ פאַרבאָרגען,
אַ שטים ווי פון שטאַרקען געוויטער: —
„עס שלומערט נים קיינמאָל דער וועכטער פון אידען,
„עס שלאָפט נים ישראל׳ס באַהיטער...“

אַרוים אויפ׳ן פּאַלאַץ־באַלקאָן איז דער קעניג,
און קוקט אויף די גאָלדענע שטערען,
איהם דאַכט זיך עס גלאַנצען, אין הימעל אין גאַנצען,
בלויז אויגען געפילטע מיט טרערען...

און פלוצלונג דערזעהט ער... ווי אונטען אין שאטען,
א קריסט טראָגט אַרויס אויף זיין שולטער
אַ קינד אַ געטייטעס, און טראָגט שטילערהייד עס
אין גהעטטאָ־גאַס נעבען דער שול־טהיר...

או וויעדער געקלונגען, פון טויזענדער צונגען
איהם האָט יענע שטימע פון ווייטען: —
„עס דרעמעלט און שלאָפט ניט ישראל׳ס באהיטער,
„זיין אויג איהם באוואכט אַלע צייטען...“

. . . .

און פריה שוין באַגינען געפילט האָט דער מאַרק זיך,
מיט ווילדע צוויושעטע מאַסען.
„אַ קריסטענקינד האָט מען געקוילעט געפונען,“
געהילכט האָט אַרום פון די גאַסען.

„אין שול־טהיר דאָרט האָט מען דעם קרבן געפונען,
„פון בלוטיגען אידישען מנהג.
„איצט וועט מען דאָס טייפעל־געזינדעל פאַרניכטעז —
„אַזוי האָט באַפוילען דער קיניג.“

און פלוצלינג פאַרשטומט איז דער ליאַרעם געוואָרען,
עס געהט דורך דעם פעבעל אַ ציטער,

דער קעניג פון ווייטען קומט האַסטיג צו רייטען,
מיט זיינע באַפּאַנצערטע ריטער...

איהם ברענען די אויגען, און בלייך איז זיין פּנים,
און ס'ציטערט זיין אויסרוף פון צאָרען: —
„דער קעניג האָט הענגען דעם ק ר י ס ט ל י כ ע ן קין
„פון קריסטליכען הרוג געשוואָרען...“

. . . .

דאַן ווידער צום פּאַלאַץ אוועג איז דער קעניג,
דאָך אַלץ האָט געשאַלט איהם אין אויער:
„עס שלומערט און שלאָפט נית ישראל'ס באַהיטער,
„דער וועכטער ביים אידישען טהויער...“

1909

דער נגון

(חסיד'ישע לעגענדע.)

דער קאָזשניצער רבי ביי־נאַכט רופט דעם גבאי: —
„לאָז תכף די פערד מיינע שפּאַנען,
„און רוף מיר אַ מנין פון חסידים געטרייע,
„און לאָזען מיר פאָהרען פון דאַנען...“

אַ פראָסטיגע טבת־נאַכט הענגט אויפ'ן שטעדטעל,
דער שנעע ליעגט אויף הייזער אויף הויפען,
פון פינסטערע געסלעך מיט אימה בענומען,
די חסידים שנעל קומען צולויפען...

געשפּאַנט איז דער וואָגען, דער עולם צוזעצט זיך,
דער רבי אַליין נעהמט די לייצעס,
די חסידים זיך רייבען פאַרוואונדערט די אויגען,
דער גבאי, ער קוועטשט מיט די פלייצעס...

אַ „וויאָ“... און מען קען שוין דאָס „שטיבעל“ ניט זעהן מעהר,
אָט איז שוין דאָס שטעדטעל פון הינטען,
דורך פעלדער און וועלדער יאָגט האַסטיג דער וואָגען,
אַזוי ווי געטריבען פון ווינטען...

ס'רעדט קיינער אַ וואָרט ניט... פון הייליגען רבי'ן
ווער ווייס די כונה די טיעפע?...
די נאַכט רוקט און רוקט זיך... פון הימעל צוגעהט זיך
פאַמעלעך די שטערען־אסיפה...

שוין שפּראָצט אויף באַגינען... און איבער'ן מזרח
פאַרציהט זיך אַ רויטער פרוכת;
עס ציטערט דער גבאי פון קעלט און פון שרעקען,
דעם עולם פערגעהען די כחות...

און פּלוצלונג... וואו ס'שיידען זיך וועגען פאַנאַנדער,
דאָרט האָבען די פערד זיך פאַרהאַלטען,
און ס'האָבען די חסידים דערזעהן דאָרט זיצען,
אַ מאוס'ען בעטלער אַ'ן אַלטען...

אַ קרעציגער בעטלער, אַ בלינדער אַ גוסס,
מיט טראַנטעס און טאָרבעס באַהאַנגען,
געזונגען אַ ליעד האָט... און ס'האָט זיך די חסידים
גע'חלום'ט, אַזוי ווי געזאַנגען

פון „עולם השירה“, וואָס ס'האָט נאָך קיין אויער
פון בשר ודם ניט פאַרנומען,
אַנטפלעקען זיך איצט אין די טרעלען וואָס פליסען
פון בעטלער'ס פאַרטריקענטען גומען...

אַראָפּ פון דער פוהר איז דער רבי פון קאָזשניץ,
אַראָפּ די בעגלייטער די טרייע...
אַ וואָרט פונ'ם רבי'ן — און באַלד האָבען אַלע,
גע'חזר'ט די טענער די נייע...

זיי זינגען און זינגען אַלץ מעהר מיט התלהבות,
אַלץ העלער און זיסער און גרינגער,
עס גליהען די אויגען, עס פלאַמען די באַקען.
דער קאָזשניצער קנאַקט מיט די פינגער...

און איין און צוויי מאָל און צעהן מאָל גע'חזר'ט,
האָט יעדער דעם זעלטענעם נגון,
און שלאַפער איז תמיד דער בעטלער געוואָרען,
ביז טויט ער געבליבען איז ליעגען...

דאַן האָט זיינע חסידים דער רבי פון קאָזשניץ,
גענומען די מעשה דערצעהלען: —
„געזאַנגען, אַזוי ווי נשמות פון מענשען,
אין כמה מדרגות זיך טהיילען...

„און ס'זיינען נגונים ג אָ ר ה ו י כ ע פאַראַנען,
אַזעלכע וואָס זיינען געשפּונען
פון קלאַנגען אין וועלכע אַ מלאך זאָגט שירה,
און ס'זינגען באַגינען די זונען...

„אַזוינע געזאַנגען האָט גאָט במתנה
געשענקט די לוים פאַרצייטען,
און פלעגען זיי זינגען, דאַן פלעגט די פמליא
זיך איינהערען דורשטיג פון וויטען...

„דאָך איינמאָל פאַסירט האָט: אַ לוי אַ יונגער,
פערשוועכט האָט דעם הימעל'ס מתנה,
און זינגענדיג האָט אין זיין זינדיגען זינען,
געהאַלטען אַ שלעכטע כונה...

„פאַראונרייניגט זיינען די קלאַנגען געוואָרען...
צעררים‏ען די פעדעם די דינע,
וואָס האָבען פון זיי זיך געשנירט און געצוויגען,
צום לויטערען „עולם הנגינה“...

און אומוואָגלען פלעגט דער געפאַלענער נגון,
דורך אַלערליי מיילער און קעהלען,
פערקליידען אין אַלערליי וויסטע נגונים
זיך פלעגען די געטליכע טרעלען...

„דורך צעהנדליגער לענדער, דורך הונדערטער דורות,
פון פינסטערע רוחות געטריבען,
פון טומאה צו טומאה... ביז ס'האָט דאָס געזאַנג זיך,
צום גוסס'ען בעטלער פאַרקליבען...

„איצט האָבען מיר וויעדער די טענער גערייניגט,
אין א ו נ ז איז אַריבער דער נגון,
שוין שפּינט ער און בינדט זיך צום הייליגען מקור —
ער האָט שוין זיין תקון געקריגען...“

1908

די עבירות צו תשליך

דאָ טהוען אהין זיך די פּעק פון עברות,
„וואָס ווערען פון פאָלע
„אַרונטערגעטרייסעלט יאָהר־יעהרליך צו תשליך ? —
וואו ווערען זיין כלה ? —"

אַזוי האָב איך קינדוויז געפרעגט ביי מיין טאַטען,
צו תשליך אַ שאלה,
און ער האָט געענטפערט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך
פאַרטראַכט אויף אַ ווײלע:

„זיי פליסען און פאַלען אַריין אין אוקינוס,
„און תכף דאָרט ווערען
„מגולגל אין רוחות און קליפות, וואָס זוכען
„די וועלט צו צערשטערען...

„דאָרט שפּרינגען זיי אום, און צוקאָכען די כוואַליעס,
„פון ברייטען אוקינוס:
„דאָס זיינען די שטורעמס וואָס שטעלען אין אָסיען,
„די שיף אין סכנות...“

1899

פון בארג און טהאל

פראָלאָג

שטעה אויף ווען אויף דעם הימעל'ס באַקען ברענט
דער ערשטער פרישער מאָרגען־קוס,
און געה אין וואַלד און בראָדזשע אין דעם גראָז,
מיט נאַקעט־אָבגעדעקטען פוס.

און קלייב אַ שוואַרצע יאַגדע דאָ און דאָרט,
אַ רויטע פּאָזעמקע פון קוסט,
און ריים דיר אוים אַ בלויע וואַלד־בלומעל,
און שטעק אַלס ציערונג אויף דיין ברוסט...

און דורך די גרינע נאָדעל־צווייגען הער,
ווי ס'צוויטשערען די פויגלעך אום,
און זויג אַריין מיט אויגען און געהער,
דאָס זיסע בוימער־הייליגטהום,

דאַן געה אַרוים געלייטערט און געבענשט,
און געה אין שטאָדט און שטויב און יאָג,
און ביז עס קומט די נאַכט אין הערצען טראָג,
דעם וואַלד־גערוך פון פריה פאַר טאָג...

דעם בוים׳ס נשמה

א ברייטער בלעטערדיגער דעמבע־בוים,
באַשאָטענט שוין פון יאָהרען אונזער הויז. —
צי ווערט ער אַלט, צי ווערט ער קלוג?
צי פיהלט ער ווינד, צי פיהלט ער קעלט? —
ווער וויים די סודות פון אַ׳ן אַלטען בוים,
וואָס קימערט אימיצען אַ דעמבע־בוים?

און טאָג פאַר טאָג, די גאַנצע זומער־צייט,
מיט זיינע ששים רבוא בלעטער,
גערעדט צו אונז דער שכן האָט,
גע׳טענה׳ט און גערעדט אומזיסט...
און האָט ער זיך אַמאָל צורוישט,
געהייסען האָט עס צווישען אונז:
„ווי שעהן דאָס שושקען איז פון ווינד?“ —
און וואו איז די נשמה פון דעם דעמבע־בוים?
און וואו איז ע ר, דער זקן־בוים?
דער קעניג מיט זיין וואָרצעל־טהראָן,
דער מלך מיט זיין בלעטער־קרוין?

דאָך אויבען האָט די זונן געגלאַנצט,
און אויפ׳ן הימעל אויסגעשפּרייט,
געפלאַטערט האָבען ווייסע וואָלקענדלעך,
און ווייט געזעהן זיך האָבען בערג,
דורך בלאָע טול-גאַרדינען,
און פעלדער דורכגעשפּריצט מיט זון-בלומען,
און גרינע גראָז און קאָרן - זאַנגען,
און אַלץ אינאיינעם איז געווען,
אַמאָל אַ בילד, אַמאָל אַ סימפאָניע...
און אין דעם בילד געוועזען איז,
דער אַלטער דעמבע - בוים אַ שטריך,
אין סימפאָניע — אַ קלאַנג...

נאָר איין מאָל... ס׳איז געוועזען נאָהנט פון מיטען נאַכט,
אַ שוואַרצע זומער - נאַכט....
אַ וואַרעמער געווירצטער חשך - ים,
האָט אויסגעלאָשען יעדעס שטערענדעל,
האָט אויסגעמעקט פאַר מיילען ווייט,
דעם קלענסטען פונק פון ליכט...
און כ׳בין געזעסען נעבען הויז,
און האָב דאָס אויער אָנגעשטרענגט,
צו כאַפּען דעם פאַרשטיקטען ווינדטעל׳ס זיפץ...

און דאַן האָב איך אין פינסטערנים,
דערשפּיאָנט די ק ו י ם -געשטאַלט פון דעמבע - בוים,
און דאַן האָב איך צום ערשטען מאָל,
דערהערט ווי ס'רעדט דער בוים...
דערהערט ווי ס'פרעגט דער בוים,
ביי מיר די סודות פון דער מענשען-וועלט...
דערהערט ווי ס'זוכט דער בוים,
אַ פריינדליך וואָרט צו זאָגען מיר —
אַ וואָרט פון ברודערשאַפט...

און ס'האָט זיך דאַן מיר אָפּגעדאַכט,
אַז איך אַליין נאָר און דער בוים,
געפינען זיך אין גאַנצען טהאָל...
און איך נאָר און דער דעמבע - בוים,
זיך טראָגען אויף אַ וויסטען ים —
אַ'ן אָקעאַן פון נישט...

און פריינד געוואָרען זיינען מיר —
איך און דער דעמבע - בוים,
און יעדען אבענד זיץ איך איצט,
און האָרך זיין בלעטער - שפּראַך,
און וויים אַז אַלצדינג איז פאַר מיך,
פאַר קיינעם ניט און בלויז פאַר מיך —
דעם טרייען פריינד פון אַלטען בוים,

דעם פריינד וואָס האָט צוערשט אַנטפּלעקט,
דעם דעמבע־בוים׳ס נשמה...

און אָפּטמאָל גּעה איך צו דעם בוים,
און נעהם זיין רונצעלדיגען גראָבען גראָען שטאַם,
אַרום מיט מיינע הענד...
און ס׳איז אַ ברודער וועלכען איך אומאַרעם,
און אין מיין אויער טריפען זים,
דעם זקן׳ס שושקערייען —
די שושקערייען פון אַ׳ן אַנדער וועלט,
אַ וויימער וועלט, אַ פרעמדער וועלט,
צו וועלכער איך געהער אַצונד...

און זאַכען וויים איך וועלכע קיינער וויים,
און בילדער זעה איך וועלכע קיינער זעהט...
און דאָס איז אַלץ מיין לויהן,
מיין לויהן פאַר וואָס איך האָב אַנטפּלעקט,
דעם דעמבע - בוים׳ס נשמה...

1909

באַרג און אָקעאַן

ווי אָפט געזעסען בין איך אונטען אינ'ם טהאָל,
באַקוקענדיג די שטיינערנע טיטאַנען ־ בערג,
וואָס טרעפּ ־ ווייז שטאַפּלען זיך, ביז זייער שנעע־זוים ווערט
פאַרלאָרען אין דעם הימעל'ס ווייסע וואָלקענס ־ פרענז...
ווי אָפט פון ווילד ־ צושליידערטע גרומאַדעס שטיין,
חילות פון גיגאַנטען האָב איך אויסגעמאָלט,
צונויפגעפלאָנטערט אין אַ'ן אונגעהיירער שלאַכט,
און אַלע פעלז ־ בלאָקען פאַרוואַנדעלט האָבען זיך,
אין ריעזען ־ הענד, און ריעזען ־ פיס און ריעזען ־ קעפּ...

דאַן האָט דער כשוף האַסטיג אומגעביטען זיך,
און ס'איז געוועזן צו פאָלק אַ טויזענד ־ קעפיגער,
פון ברואים אומגעלומפערטע, משונה'דיג געבויט,
פון חיות גרויסע, גראָע און פאַנטאַסטישע,
זיך שטויסענדיג און טראַמפּלענדיג כאַליאַסטרעס ־ ווייז,
זיך ערגעץ יאָגענדיג, פון ערגעץ ־ וואו געיאָגט...

ווי אָפּט אין מיטען פון דעם אויסגעמאָלטען בילד,
אַ פראָסט - געדאַנקען דורכגעשווידערט האָט מיין ברוסט,
אַז אַלץ אַרום איז טויט, און שטיל, און שטום, און וויסט,
און איך אין טהאָל — אַ'ן איינציג מילב־לעבען וואָס צאַנקט...
אַ מילב־לעבען, וואָס יעדער טויטער פעלז אַרום,
האָט אָנגעגלאָצט מיט שטיינערנעם און קאַלטען האַס...

דאַן האָב איך נאָך דעם ים דעם אייביג־רוישענדען,
דעם אייביג - אַלטען, אייביג - יונגען ים געבענקט...
דען אָפּט ביי'ן ים געזעסען בין איך שטונדען - לאַנג,
און צוגעזעהן מיט תמיד פרישען פרייד־געפיהל,
ווי ס'שפרינגען - צו די כוואַליעס צו דעם געלען ברעג,
ווי ס'קומט מיט שטאָלץ אַ וויים־געקיווערטע אַרמיי,
נאָך איהר אַ צווייטע, דריטע און אַ טויזענדטע,
און שלאָגט און שוימט און שפּריצט מיט לוסטיגען געלאַף...

און אָפּט געלאָפען איז מיין בליק צום האָריזאָנט,
דאָרט וואו דאָס קאָכיג מעער דעם שטילען הימעל קוסט,
און אָפּגעוואָרט אַ נייעם וועלען - עסקאַדראָן,
דאַן גאַלאָפּירט מיט מיינע פלינקע וואַסער - געסט,
צוריק צום שטראַהל -באַשפּריצטען גאָלד -געפאַרבטען זאַמד...

און דענקען פלעג איך אָן דעם וואַסער'ס טיפענים,
אָן יענע אוצרות מאָכט וואָס שטראָמען אין געהיים,

אָן יענע אונטער־ וועלען וועלכע יאָגען אַזוי ווילד,
ווי ד י וואָס פינקלען פאַר מיין אויג אין זוננען־שיין. . .

ווי אָפט געזעסען בין איך דאָרט און האָב געפיהלט,
ווי ס׳כוואַליעט דורך מיין ברוסט דער גאַנצער אָקעאַן,
און ס׳קליינע לעבען מיינס געוואָרען דאַמאַלט איז
גיגאַנטיש גרויס, און שטאַרק, און שטורעמדיג —
אַ קוואַל פון קראַפט, וואָס שעפּט ניט אויס זיך — ווי דער ים...

1907

דאָס טייכעל

זים און היימיש רוישט דאָס טייכעל
גלאַנצענדיג אין זוננען־שיין,
פלוידערט קינדעריש דורכ'ן וואַלד־באַרג,
און די בוימער שלאָפען איין. . .

איינגעליולעט מיט זיין מורמעל,
האָט ער אויך די בערג אַרום,
ער אַליין נאָר רעדט און פלאַפּערט,
ערד און הימעל האָרכען שטום. . .

כ'ליעג האַלב וואַך און האַלב פאַרדרעמעלט,
ווי פאַרנעבעלט איז דער זינן,
דורכ'ן שלעפּערדיגען מוח,
פלאָנטערט זיך דאָס וועלדעל גרין...

לאַנגזאַם מישען זיך צוזאַמען,
באַרג און הימעל, גראָז און קוואַל,
און דער חלום'דיגער טומעל,
פון אַ וויימען וואַסער־פאַל. . .

1902

הערבסט-אבענד

דער לעצטער מאַטער קופּער־שטרייף
פערגליהט פון מערב־ראַנד,
פון הימעל'ס אָפּגרונד בליצט אַרויס,
אַ קאַלטער דיאַמאַנט...

עס פויזעט אויף די לאָנקעס אום,
אַ ווייסע נעבעל־טוך,
און פון די פעלדער קומט אַהער,
אַ פוילער גראָז־גערוך...

מטושטש ליעגט ביים האָריזאָנט
דער וויטער דאָרף צושפּרייט,
אַ פייערעל און דאַן אַ צווייט'ס,
צינדט אָן זיך שטילערהייד...

קיין רוישען פון אַ'ן איינצ'גען בלאַט,
קיין פייפען פונ'ם ווינד,
און שטומערהייד די אָסיען־נאַכט,
די סודות איהרע שפּינט...

באַרג-געוויטער

פון יענער זייט די הויכע בערג,
גרייט אָן זיך אַ געוויטער,
עס לויפען עסקאַדראָנענ - ווייז,
די שוואַרצע וואָלקען - ריטער.

עס בליצט אַרוים... עס ציהען זיך
די שווערדען פון די שיידען,
עס הילכט אַ ווילדער וועה - געשריי,
פון פעלזען - איגנעווייידען...

שוין פילט די טהאָלען רונד אַרום,
אַ מורא'דיג געטימעל,
און אויף מיין פנים וואַרעם פאַלט
דער ערשטער טריף פון הימעל...

איצט בין איך אויך שוין איינגעזאַלבט,
און קען זיך היימיש פיהלען,
מיט וואָלקען און טיטאַנען - בערג,
מיט בליץ און דונער - ברילען...

נאָכ'ן שטורעם

צונויפגעפייפט דער שטורעם האָט,
אַ גרויסע וואָלקען ־ ראָטע,
און פלוצלונג ווערט דאָס טומלען שטיל —
דער שטורעם האָט חרטה...

שוין קען מען דורכזעהן ערטערווייז,
אַ הימעל ־ שטרייף אַ קלאָרען,
די וואָלקענס קריכען ביסלעכווייז
אַוועק מיט דונקלען צאָרען: —

„אָן עדה וואָלקענס אויפגעיאָגט,
„מיט סוויסטשען און מיט ברומען,
„און פלוצלונג נאַ, דעם גבור האָט
„דער אָטהעם אָפגענומען..."

אבענד-קלאַנגען

1.

די זונן איז אין דער אונטער־וועלט,
און אויף דעם באַרג - אַלטאַר
זיך צינדט אַ רויטער בראַנד,
און ווייהרויך - וואָלקענס שטייגען אויף,
און שלייערן די פּלאַם,
מיט דינעם רויכ - געוואַנד...

דער ווייהרויך - דופט צושפּרייט זיך שטיל,
און נידערט אין דעם טהאָל,
און ס'טרינקען בלאַט און גראָז...
אַ פעלד - בלום וויגט איהר קאָפּ ענטציקט,
און ס'פאַלט אַ דימענט - טרער
אַרונטער אין איהר כוס...

2.

איצט קומט די שטילע אבענד־שעה,
מיט גאָלד־ און פורפור־פּאַסען,
און זומער־טאָג מיט זומער־נאַכט
זיך קוסענדיג פאַרקנאַסען...

איצט ווערען בלאָ און גרויס די בערג,
דער טהאָל ווערט דונקלער, קלענער,
און ס'הויכט פון ערגעץ־וואו אַרויס,
אַ מעלאָדיע אָהן טענער...

עס הויבט זיך ווי אַ קטורת אויף,
דער דופט פון לאָנקע־בלומען,
און ס'רוהט די וועלט און הייליגט זיך,
אין אבענד־גלאַנץ אין שטומען...

3.

הויכע שוואַרצע בערג ־ פאַרקאַנעס,
די געשטאַלט פון זונן פאַרצאַהמען,
דורך געדיכטע וואָלקען ־ וועלען,
ראַנגלען זיך די לעצטע פלאַמען...

פאַרבען און פיגורען נייע,
טויכען אויף און גיך צופליסען,
ריעזען ־ הענד אין באַרג פאַרבאָרגען,
רוקען ראַפּטום די קוליסען...

אָבער טויט די טהאָלען ליעגען,
אין דער דעמערונג דער מאַטער —
וועמענס וועגען דאָרט אין מערב
שפּיעלט דאָס נאַכט ־ און ־ ליכט טהעאַטער?...

שטערען-שימער

יעדע נאַכט בעפאָר איך לעג זיך,
קוק איך אויף די שטערען לאַנג,
טרינק זיך אָן מיט זייער שטילקייט,
ווי מיט זיסען שלאָף - געטראַנק...

ס'אויג מיינס שעפט געדאַנקען נייע,
פון דעם גאָלד - באַשפריצטען תהום,
און די זעעל זיך קלערט און רייניגט,
טובל'ענדיג אין בלאָען שטראָם...

שווענקט און וואשט די פודער - פאַרבען,
און די ליגענס פונ'ם טאָג,
פאַלשע פריידען, פאַלשע שמייכלען,
פאַלשען שמערץ און פאַלשע קלאָג...

נאָך דער שטערען - שימער - טבילה,
שלומער איך געקרעפטיגט איין,
און אין מיינע טרוימען וועבט זיך
א געפלעכט פון שטערען - שיין...

שטורעם-נאַכט

פ ונ׳ם שטורעם די יללות,
וועקען מיך ביינאַכט פון בעט,
ס׳קלאַפט דער רעגען אין די שויבען,
און איך גלויב ער שפעטט...

רופט מיך אָן, איך גלויב, ביי׳ן נאָמען,
רופט מיך אין די שוואַרצע קעלט,
וואו עס בילט דער בלינדער שטורעם
קללות אויף דער וועלט...

כ׳קען קיין אויג שוין מעהר ניט צו - טהאָן,
ס׳פויקט דער רעגען און מיר דאַכט:
כ׳מוז איהם פאָלגען און אַרויסגעהן
אין די ווילדע נאַכט...

פריהלינג-שנעע

1.

אויף דעם גרינעם גראָז אין גאָרטען,
לעגט זיך ווייך אַ שנעע אַ שטילער,
אין אַ'ן אונטער-טאָן באַגלייט איהם
ערגעץ - וואו אַ פויגעל - טרילער...

ס'פּאַלט און פּאַלט דער שנעע בנעימות,
אויף די בוימער און די בעעטען,
און די פלעכטלעך פון די צווייגען,
ציערען זיך מיט קאַלטע קוויטען...

כ'הער, מיר דאַכט זיך, ווי די גראָזען
מיט'ן שנעע זיך ליעבליך ווערטלען: —
„ווייסטו ניט אַז איצט איז פריהלינג,
„און דו טאָרסט אונז מעהר ניט צערטלען?"

און מיר דאַכט, די צווייגען קוסען,
איטליך שנעעלע און ריידען: —
„ווייסט דו ניט אַז איצט איז פריהלינג,
„און שוין צייט זיך אָפּצושיידען?"

2.

שמייכלענדיג דער ווינטער־קעניג,
וויל נאָך א י י ן מאָל דורכשפּאַצירען,
וויל נאָך א י י ן מאָל פאַר אוועקגעהן,
גלעטענדיג דאָס גראָז באַריהרען...

שטיפענדיג געהט אום דער זקן,
ווייזט זיין גבורה אויף־צו־פּלייסען...
און באַשיט דעם חתן־פריהלינג,
מיט א הויפען שנעע א ווייסען...

דאָך די פויגלעך פון די דעכער,
מאַכען שטילערהייד קאַטאָוועס...
פּיפּטשען: „זעהט נאָר ווי צושטיפט זיך,
„האָט דער אַלטער מלאך המות!...“

ערב פריהלינג

ב'האָב ליעב צו וואַנדערען אין פעלד,
וועז פון דעם פריהלינג ווייזט זיך קוים אַ סמן,
ווען אויף די בעעטען ליעגט נאָך ווייסער פראָסט,
און אויפ'ן הימעל ווינטער - כמאַרעס שווימען...

ווען שטום נאָך איז דער ערשטער פויגעל־כאָר,
נאָך ניט ערוואַכט דער זיסער פריהלינג - טומעל,
ווען טיעף אין דר'ערד נאָך טוליען זיך פון קעלט,
די וואָרצלען פון דעם ערשטען ניסן־בלומעל.

דאַן האָב איך ליעב אַרויסגעהן אויפ'ן שנעע,
און דאָ און דאָרט דערזעהן אַ פלעק אַ גרינעם,
און ליעב צו הערען אונטער מיינע טריט,
ווי ס'קנאַקט די שאָלאכץ פון דעם אייז דעם דינעם...

און ליעב צו אָטהעמען דעם ע ר ד - גערוך,
די וואָרעמקייט און פייכטקייט פון ג ע ב ע ר ע ן,
דען זיסער ווי אין פולער בלומען - פראַכט,
מיר איז דער פריהלינג אין זיין אָ נ ה ו י ב ו ע ר ע ן...

פון דיא קעטסקיל-בערג

(פּראָלאָג)

אין מערב נידעריג געהאַנגען איז די זונן,
און שאָטען ־ שטרייפען בלאָע, ווייכע, זיידענע
געצויגען האָבען זיך אויף באַרג און טהאָל...
און וואו די שאָטענס האָבען ניט דערגרייכט,
געלעגען איז אַ רוהיג מילדעס ליכט,
און וואַלד און לאָנקע האָבען שעמערירט
אין אַלערליי שאַטירונגען פון גרין...

איך בין געשטאַנען אָן אַ בוים געלעהנט,
און שווייגענדיג געבראַכט האָב איך אַ גרוס
די גרינע וואַלד ־ בערג, פון די פעלזען ־ בערג —
פון קאַלטע, קאַהלע, גרויסע פעלזען־בערג,
מיט ווייסע שנעע ־ טורבאַנען אויף די קעפּ,
וואָס דאָרטען אין מיין ווייטער מערב ־ היים
אין נאַק׳טער גרויסקייט גלאָצען קעגען זונן...
וואו ס׳זיצט דער אָדלער אויף זיין פעלזען ־ טהראָן,

אין גרויזאַם ־ שטומער איינזאַמקייט,
און אין זיין אַייז־באַדעקטען טהורעם, וואויהנט
דער ווילדער פריירי ־ אוראַגאַן...

איך האָב געזעהן זיי יענע וויסטע בערג,
אין ווינד און שנעע, אין רעגען און טומאַן,
געזעהן מיט דיקע וואָלקען ־ טיכער אויף די שולטערען,
געזעהן זיי בולט־בלאָ אין מיטאג׳ס גינגאָלד־ליכט,
געזעהן פאַרטונקט אין דער לבנה׳ס זילבער ־ פלום,
געזעהן זיי טונקעל סטאַרטשענדיג אין שטער׳ען ־ נעכט,
און מיט צופלאַמטע קודלעס ווען דער אבענד ברענט —
און תמיד האָט אַ שרעק מיך אָנגעפילט...
דעם שפּאָט פון ריעזען האָב איך יעדעס מאָל
געמערקט אויף זייער שטיינערנעם געזיכט...

אָ גרינע בערג, וואו שיין און שאָטען זיינען זים,
וואו בוים און בלום אויף יעדען שריט,
מיט נאָהנטער פריינדשאַפט קוויקען הערץ און אויג,
וואו ס׳וואויהנט דער גייסט פון שטילער טרוימעריי —
פאַרטרייבט דעם שפּוק פון יענע ריעזען ־ בערג,
פון יענער קאַלטער, שטאָלצער שטיינער ־ וועלט!...

———

.1

נאַכט פערשוואונדען איז פאַמעליך,
און דער מזרח - זוים זיך רויטעלט,
אין דעם גראָען האַלב - ליכט שימערט
אויפ'ן פעלד דאָס ווייסע טהוי - העמד...

איצטער איז די צייט די רעכטע,
לאָמיר פאָהרען דורך די טהאָלען,
איידער ס'וועט פאַרגעהן דער פרישער,
קוויקענדיגער זומער - מאָרגען...

רעכטס און לינקס באַגלייטען וועלען
מיט געזאַנגען אונז די פויגלעך,
און פון גראָז און קרייטער קריגען
מיר דעם ערשטען זיסען אָטהעם...

.2

כ'האָב צום גראָז זיך איינגעבויגען,
צו דעם גראָז מיט טהוי באַצויגען,
כ'האָב פון האַנד דעם טהוי געטרונקען,
און געוואַשען מיינע אויגען.

פון די אויגען גלייך אין מח,
קענטיג, איז דער טהוי גערונען,
און די וועלט געוואָרען העל איז,
ווי בעשטראַהלט פון הונדערט זונען...

און די בערג און בוימען שמייכלען,
און זיי ווינשען מיר און גריסען: —
„צו געזונד דיר זאָל דער טראַנק זיין,
פון דעם מאָרגען־טהוי דעם זיסען..."

און דער הימעל בייגט אינטים זיך,
ברעכט זיין שטאָלצע בלאָע רוהע,
און ער לאַכט און גראַטולירט מיך: —
„זאָל עס זיין דיר צו רפואה!"

.3

אָהן אַ רויטען פלעק אין מזרח,
אָהן דעם סוויסטשען פון אַ פויגעל,
טאָגט אַרויס אַ קאַלטער מאָרגען,
גראָ און מאוס און פאַררעגענט...

הייזעריג און ניט דערשלאָפען,
נאָך אַ נאַכט פון ווילדען שטורעם,
וויעגען זיך די שוואַרצע סאָסנעס,
טרייסלענדיג פון זיך די טראָפּענס...

און אַן אויסגעמאַטערט ווינדטעל,
אויף די בערג שלעפּט אום די נעבעלס,
רייסט פאַנאַנדער זיי אין שמאַטעס,
דריבעלט זיי אין שמאָלע פאַסען...

איז די זונן שוין אויפגעגאַנגען,
אָדער ליעגט זי אין די בערג נאָך? —
ווער קען וויסען וואָס דאָרט טהוט זיך,
אין די בליי־קאָלירטע וואָלקענס?...

.4

אויסגעדרעהט זיך האָט דער באַרג - וועג,
פאַר דאָס אויג פון אַלע זייטען,
זיך אַנטפּלעקט אַ וועלט אַ נייע,
גלייך ווי אָקאָרשט אויפגע׳כשופ׳ט...

אונטען שטרעקען זיך די טהאָלען,
אין געקעסטעלטע קאָלירען,
לאָנקעס, פעלדער, גערטנער, סעדער,
דורכגעשפּריצט מיט פאַרם - הייזער...

און די הייסע מיטאָג - שטראַהלען,
בליסטשען אָפּ פון טויזענד פּונקטען,
שלאָגען אָפּ זיך פון די טייכלעך,
גלאַנצען אָפּ פון פענסטער - שויבען...

צו די בערג אַרויף משופּע,
קלעטערען די טענען - בוימער,
רוקען זיך אין גרינע רייהען,
אום דעם סאַמע שפּיץ צו גרייכען...

אַזוי ווייט זיך שפּרייט די לאַנדשאַפט,
אַזוי קליין איז אַלץ פון ווייטען —
דאַכט זיך ס'איז נור אויפגעפּינזעלט,
און אַ שעהן - געמאָלטעם בילד בלויז...

.5

ערגעץ - וואו אין שווארצען בארג - וואלד,
שלאָפט דער מלאך פון די ווינדטען,
אָהן אַ סמן פון אַ וואָלקען,
הענגט דער בלאָער מיטאָג - הימעל...

און די זונן פון סאַמע מיטען,
מיט צוגליהטע פייער - שפיזלען,
שטריקט און העפט אַ טוך פון גינגאָלד,
אויף די לאָנקעס און די טייכען...

אין דעם גליהענדיגען אויר
שמעקט דער זיסער פעך פון סאָסנעס,
פון די ווילדע וואלד - געוויקסען
שלאָגען שטאַרק - געווירצטע דופטען...

דינע, ווייסע, לאַנגע פעדעם,
טראָגען אום זיך אין דער לופטען,
צעפּען אָן זיך אויף די גראָזען,
בלייבען הענגען אויף די בוימען...

באַרג און טהאָלען האָט פאַרגליווערט,
ווי אַ הייסער שווערער שלומער,
און דאָס זומען פון די פליעגען,
פאַלט אין אויער ווי אַ שלאָף - ליעד...

6.

פון אַ ווינקעל הימעל וויקעלט
זיך אַראָפּ אַ רעגען־פאַרהאַנג,
און אַ חלק פון דער לאַנדשאַפט
הילט זיך אין אַ דיקען דעק־טוך...

דורך דעם טול דעם גראָ־געדיכטען,
קוקען דורך די בערג מטושטש,
און די בוימען און די הייזער,
ווערען האַלב־פאַרמעקטע פלעקען...

דאָך אַנטקעגען ליעגט די געגענד,
גלאַנצענדיג אין העלען זונן־ליכט,
און קיין טראָפּען רעגען פאַלט ניט,
אויף די טרוקען־גרינע גראָזען...

7.

פון דעם מערב'ס טיעפעניסען,
קריכען ערד - קאָלירטע וואָלקענס,
און צוואוואַקסען זיך פּאַמעליך,
אין משונה'דיגע בילדער...

אויף אַ קראָקאָדיל אַ לאַנגען,
זיצט אַ גיגעניק אַ שוואַרצער,
ווילדע וואולקאָלאַקעס קומען,
רייטענדיג אויף עלעפאַנטען...

אויף אַ גרויסען ריעזען - בעזעם,
זיצט אַ'ן אַלטע מכשפה,
און פאַנטאַסטישע געשטאַלטען,
וויעגען זיך פון הויכע פעלזען...

אַלץ געדיכטער ווערט די מחנה,
מישט זיך אוים און ווערט פאַרפּלאָנטערט,
און דער הימעל איז פאַרפּאַנצערט,
מיט געוויטער - וואָלקענס שווערע...

8.

קאַלט און פייכט קומט אָן דער אבענד,
און דער הימעל איז פאַרשלייערט,
פון די זומפּען און די לאָנקעס
הויבט זיך אויף אַ ווייסע פּאַרע...

פון דעם נאָהנטען שטעדטעל מורמעלט,
אַ געמיש פון מאַטע קולות,
ערגעץ - וואו דאָרט פאָהרט א וואָגען,
און מען הערט די רעדער קלאַפּען...

אין דער ווייט פאַרביי געפלויגען
נאָר - וואָס איז אַ שנעלער באַהנצוג,
און די שטיקער רויך די ווייסע,
קרייזלען אוים זיך און צוגעהען...

שטילער ווערט עס וואָס אַ רגע,
נאַכט קומט אָן מיט שרעק און שאָטען,
און ווי מתים אין תכריכים,
שפּוקען נעבעלם אין דער פינסטער...

9.

אַנגעוואָרפען אויפ'ן הימעל
ליעגען שווארצע וואָלקען־חורבות,
קוים צו זעהן נאָך אין דעם חשך,
זיינען וואלד און בערג און טהאָלען...

אין דער דונקלער וואָלקען־ענגשאפט,
קריכט און קלעטערט די לבנה,
ראנגעלט זיך מיט אלע כחות,
דורך דעם טינט־ים דורכצוברעכען...

ערגעץ רייסען זיך פאנאנדער,
די געדיכטע שווערע שיכטען,
איינע פון די כמאַרעס זוימט זיך,
מיט א זילבערנעם גאליינדעל...

אָט שוין קומט ארויס די פולע,
רונד־געזיכטיגע לבנה,
רייסט אראָפ די שאטען־מאסקע,
פון דער שעהנער גרינער לאנדשאפט...

קוסט די צווייגען פון די סאָסנעס,
לעגט זיך אוים אויף גראָז און קוסטעס,
שפיגעלט זיך אַוואו אַ טייכעל,
און די וועלט איז פול מיט שימער...

.10

איצטער זיינען מיר פאַרשלונגען,
אינדעם צווייג - באַדעקטען באַרג - וועג,
שוין פאַרשוואונדען ערד און הימעל,
איינער זעהט ניט מעהר דעם צווייטען...

און געשיכטעס פון גזלנים,
נעהמען קריכען אין געדאַנקען...
ערגעץ קנאַקט אַ טרוקען צווייגעל,
און די האָאר זיך שטעלען דיבאָם...

ערגעץ פאַלט אַראָפּ אַ שטיינדעל,
עפּעס - וואָס האָט דורכגעשימערט,
און שוין דאַכט זיך אויס אַ מערדער,
מיט אַ לאַנגען שאַרפען מעסער...

דאָך דער פערד דער טרייער פיהרער,
וויים דעם וועג ווי אויסגעבונדען,
רוהיג און געמאָסטען קלאַפּט ער,
אינ׳ם חשך די קאָפּיטעס...

11.

ס'איז די שעהנע שטילע בארג - נאכט,
איצט געוועלטיגט די לבנה,
אין דער וואלדיג - גרינער געגענד,
גלאנצען וויים די זומער - הייזער...

איינגעראהמט ארום מיט בוימער,
ליעגט דער טייך אין גאנצען זילבער;
לעערע שיפלעך פון די ברעגעס,
ווארפען קרומע לאנגע שאטענס...

דאך אין וואלד דארט האקט און קלאפט עס,
גרילצט און סוויסטשעט אהן א'ן אפרוה,
טויזענד קליינצינקע קאנצערטען,
מישען אוים און קרייצען דורך זיך...

דאכט זיך איינער וויל דעם צווייטען,
איבערשטייגען, איבעררייסען,
און וואס מעהר געפילדער מאכען,
אין דעם שטילען ווייסען נאכט - רוים...

.12

אויף די בערג און אין דער נידער,
אין דעם שטילען מיטענאַכט־ווינד,
רוישט אַ גרינער ים פון צווייגען,
שושקען טונק'לע בלעטער־וועלען...

אויף די שושקענדיגע וועלען,
גליצען זיך לבנה־שטראַהלען,
טאַנצען אום ווי קליינע גייסטער,
אויף די שפּיצען פון די בוימער...

.13

איינגעשלאָסען אין אַ'ן עגול,
פון געדיכטע בוימער־מאַסען,
ליכטיג ליעגט די גרינע לאַנקע,
אין דעם שימער פון לבנה...

פון דעם וואַלד'ס געהיימסטע ווינקלען,
פון די פעלזען און די שטראָמען,
דאָ פערזאַמלען זיך די גייסטער,
און זיי שטיפען מיט איינאַנדער...

וויים ווי שנעע און דין ווי שפינוועבס,
איז די קליידונג וואָס זיי טראָגען,
און דאָס גראָז וואָס אויף דער לאַנקע,
בייגט זיך קוים פון זייער פוס־טריט...

ווען זיי קומען פילט דער וואַלד זיך,
מיט געזאַנג און פייפערייען,
און עס שפיעלען זיסע פלייטען,
און עס קלינגען זילבער־גלעקלעך...

קיינער זעהט ניט ווען זיי קומען,
קיינער ווייס ניט ווען זיי געהען,
בלויז די שטראַהלענדע לבנה,
און די טונקעל־גרינע סאָסנעס...

.14

הויכע ווענד פון טונקלע בוימען,
רונד אַרום די וועלט פאַרשטעלען,
בלויז אַ שטיקעל הימעל זעהט זיך,
אָנגעשפריצט געדיכט מיט שטערען...

און אין מיטען שטעהט אַ הייזעל,
טרוימענדיג אין טיעפע שאָטענס,
און מיר דאַכט זיך אויס אַז דאָרטען,
האָט אַמאָל געוואויהנט אַ נזיר...

יעדע נאַכט דאַ זיצען פלעגט ער,
איינזאַם פאַר זיין קליינער וואויהנונג,
פלעגט אַרויף צום הימעל קוקען,
פלעגט די שטערען שטיל באַטראַכטען...

ביז דער נאַכט - טהוי איז אין טראָפּענס
אויף דעם נזיר'ס האָאר געלעגען,
ביז די בוימען פלעגען רוישען,
פון דעם מאָרגען - ווינד געטרייסעלט...

דער הערבסט-בוים

א טרוקענער גראָער סקעלעט פון א בוים,
אליין אויפ'ן נאַקעטען פעלד,
באַוועגט זיך אין הערבסטליכען ווינד...
שוין אויסגערוישט האָט ער זיין קרעכץ פון פאַרצווייפלונג,
געפלוכט שוין, געבעטען דעם שטורעם...
און ס'האָט ניט געהאָלפען.
ערשט איינציגווייז, פּאָארווייז, דאַן הונדערטווייז זיינען
די געל - ברוינע בלעטער צופאַלען...

און היינט האָט פון אונטערשטען צווייגעל,
דאָס לעצטע, דאָס איינציג - געבליבענע,
אַרונטערגעפלאַטערט צו דר'ערד,
און טאַנצט שוין מיט גוסס־קאָנוואולסיעס,
אַרום זיינע קנאָכיגע פיס...

איצט מעג ער שוין ברומען און פייפען,
דער ביטערער ווינד,
איצט מעג ער שוין רייסען און טומלען,
און ביימשען די צווייגען מיט כעס —
דער בוים האָט ניט מורא...

וועט שטעהן און וועט קוקען,
צום אַש - גראָען הימעל,
וועט צוזעהן די וואָלקענס,
צוקאָדערטע, גראָע,
ווי באַנדעס פאַרקריפּעלטע בעטלער,
פון איין עק צום צווייטען זיך שלעפּען —
און איהם וועט ניט אַארען...

און אויפקלערען וועט זיך דאָס וועטער ביי נאַכט,
און שטערען אַרויסשפּריצען וועלען אָהן צאָהל,
און דין - בלאָע שטראַהלען זיך שפּינען אין לופט —
און איהם וועט ניט קימערן...

און צוקוקען וועט ער, ווי ס'וויקלען צונויף זיך,
און ווערען פאַרשוואונדען די נעבעלם פון פעלד,

און ס'ברעכט פונ'ם מזרח דער מאָרגען אַרויס,
און פינזעלט די הימלען,
מיט פורפור און רויז - פאַרב
מיט קופער און גאָלד,
און ס'רוקט זיך אַרויס,
ביים ראַנד פון דער ערד,
אַ רונדע און רויטע און בלוטיגע זונן —
דאָך איהם וועט ניט אָנגעהן...

און הערען אָפט וועט ער,
ווי ס'צווישערען פויגלעך,
און זעהן ווי זיי קרייזען
זיך אום אין דער לופט,
און שטיפען מיט ערד און מיט הימעל —
און ע ר וועט זיך וויגען,
אָהן פרייד און אָהן צער,
אָהן וועה און אָהן ווארטען —
דער נאַקעט פאַר'יתום'טער בוים...

און שפּעטער ווען ווינטער וועט קומען,
וועט פאַלען אין זיידענע בלומען דער שנעע,

און דעקען די לאַנדשאַפט,
אין ווייסען געוואַנד
און גלימצערען וועט אין דעם זונליכט דאָס פעלד —
דאָך ער וועט אַ'ן איינזאַמער שטעהן,
און וויגען דעם מאָגערען גוף,
און שאָקלען דעם קאָפּ היִן און העֶר —
אַ קאַלטער סקעלעט פון אַ בוים,
אַ'ן עלענד פאַר'יתום'טער בוים...

1908

דער ערשטער שנעע

דער שטורעם האָט זיין פאַרשפּיעל אָפּגעפּייפט...

פון ערגעץ פון אַ וואָלקען - וועלט,
געפלויגען און געפלאַטערט האָט,
געקרייזעלט און געדרעהט זיך האָט,
אַ פעדער - ווייכער לייכטער שנעע,
און קווייט אויף קווייט צונויפגענעהט,
דעם ווינטער׳ס ערשטע אויסשטייער,
דער ערד׳ס געראַמע חופּה - קלייד...
און פוך האָט זיך אויף פוך געלעגט,
ביז רונד אַרום דער ברייטער טהאָל,
געטוליעט האָט זיך אין אַ ווייסען טרוים...

און דאַן געקומען איז די ווינטער - נאַכט...
און פלייסענדיג זיך פאַר דער שעהנער ערד,
באַוויזען האָט דער הימעל זיך,
אין בלאָען סאַמעט אַנגעטהאַן,
מיט אַל׳ זיין גאָלד - און - זילבער - פוץ ;

און פון אַ ווינקעל איז
אַרוים אַ העלער האַלבער רינג —
דער פריש־געבאָרענער לבנה׳ס בילד,
צום יום־טוב פון דעם ערשטען שנעע,
צום פעסט פון ווייסען שנעע...

איך בין אין פעלד אַרוים...
מיין פראָסט־הויך איז געוועזן
דער ערשטער וועלכער האָט,
דעם קאַלטען קלאָרען אויר דורכגעפלעקט...
מיין אויג — דאָס ערשטע וועלכעס האָט
אַריינגעשלונגען רעכטס און לינקס,
די שימערענדע, שלומערענדע וועלט...
מיין פוס — דער ערשטער וועלכער האָט,
אַ שטעג געפּרעסט אין ווייכען זייד...

ביז כ׳האָב דעם שטילען שאַר,
פון מיינע שיך געהערט,
און איך האָב האַלב פאַרשעמט,
און האַלב דערשראָקען זיך געפרעגט:
צי האָב איך ניט פאַרשוועכט,
די הייליגקייט פון יונגען שנעע,
דאָס פעסט פון ווייסען שנעע? —

געשטיגען און געשטיגען איז,
דער האַלבער זילבער רינג,
און בלאָער האָט דער הימעל זיך געפּלייסט
אַרויסצואווייזען פאַר דער ערד,
און יעדער דימענט אויף זיין מאַנטעל האָט
געפייערט די געבורט פון שנעע...

און אונטער מיר גַעדריקט זיך האָט,
דעם ווינטער׳ס גאַרדעראָב,
ביז הינטער מיר געשטרעקט זיך האָט,
אַ לאַנגער, לאַנגער שטעג —
אַ רים אין זיין געוואַנד...
און כ׳האָב זיך ווי אַ גנב אומגעקוקט:
צי האָב איך ניט פאַרשוועכט,
דעם ווינטער׳ס חופּה - נאַכט?...

1910

נעכט אין דער גרויסער שטאָדט

1.

עס רוהט דער ווילדער טאָג - גערויש,
די גאַסען זיינען וויסט,
אַ בלייך - ווייסע לבנה - נאַכט,
די שטומע שטאָדט פאַרגיסט...

די הויכע הייזער שטרעקען זיך,
פאַרלאָשען, טויט, און שטאַר,
עס הילכט צוריק דעם געהער'ס טריט,
דער פוסטער טראָטואַר...

פאַרשוואונדען איז דעם לעבען'ס פולס,
דאָך קלאַפּט ער ערגעץ וואו,
צי האַסטיג־ווילד אין נעסט פון פרייד,
צי זאַנפט אין שלומער־רוה...

און פלוצלונג הארך... אַ'ן אַמבולאַנס,
די ווייסע נאַכט צוריהרט —
האָט עמיצער דערשאָסען זיך? —
ווער ווייס וואס האָט פּאַסירט.

.2

דער ליכטיגער לבנה־שיין,
אויף גאַס און הייזער פאַלט,
עס שימערט ווי מיט שנעע באַדעקט,
דער לעדיגער אספאַלט...

עס גלאַנצען זיך די מויערען,
אין שטומען היהנער־פּלעט —
נאָר ערגעץ אויף אַ פינפטען שטאָק,
אַ פייערעל זיך זעהט...

דאָרט ארבייט פלייסיג אימיצער,
אויף ציפערען פאַרטראַכט,
און ווייס ניט אַז די נאַכט געהערט
צו איהם — צו איהם וואָס וואכט...

3.

וווי טויט, ווי שטיל דער סאַמע פּלאַטץ,
פון טומעלדיגען קאָך,
איך געה אַליין גאַס איין, גאַס אויס —
מיין שאָטען בלויז געהט נאָך...

דאָ איז דער אָרט פון געלד־געיעג,
דאָ האַלט מאַמאָן זיין שלאַכט —
וואו זיינען אַלע קעמפּפער איצט,
זאָג שטומע שימער־נאַכט?

דער טיעפער בלאָער הימעל שווייגט,
און כ'ווייס שוין וואָס ער דענקט;
דאָס קליינצינקע מוראַשקע־פאָלק,
ווער פרעגט נאָך זיי, ווער בענקט?...

1908

האַרץ-ווּעה

פּראָלאָג

אַרום דעם אויסגעלאָשען - קאַלטען קראַטער,
פֿון כאַאָס דעם געוועזענעם טהעאַטער,
וואו הייסע שטראָמען האָבען ווילד געטומעלט,
און געלע לאַווא האָט געקאָכט אַנומעלט —
דאָרט וואַקסען פלאַנצען פֿון דער ערד און פרוכטען,
און טרויבען גאָלדענע פֿון זונן באַלוכטען,
און בלומען פלעכטען זיך, און קרענץ פֿון בליטהען,
אַרום דעם פייער - גאָרגעל דעם פאַרגליהטען...

פֿון אויסגעברענטע טויטע הערץ - וואולקאַנען,
וואו ס'איז ניט מעהר קיין זכר גלוטה פאַראַנען,
דאָרט בליהען יאַמבען שענע און טראָכעען,
און פערזען שפּראָצען אין געבלומטע רייהען,
און ס'וואַקסט אַרויס אַ צויבער - וועלט פֿון דיכטען,
פֿון קאַלטע אויסגעגליהטע לאַוואַ - שיכטען...

דיין בילד

באַמערק איך דיין בילד אין מיין צימער,
אָפט מייז איך, ס'הויבט אָן זיך באַוועגען,
עס פינטלען די ברעמען אַ פאָרוואורף,
די ליפען זיך עפ'נען און פרעגען: —

„וואָס האָסטו גאָר פלוצלינג אַן אומ'חן,
„געוואָרפען אויף מיר און מיין ליעבע?
„וואָס האָסטו מיך פלוצלינג פאַרשטויסען? —
„דערצעהל מיר, געליעבטער, די סבה.—“

דיין לייכטזין, דיין פאַלשקייט פאַרגעס איך,
די עולות וואָס דו האָסט געטהאָן מיר,
פאַרגעס גאָר די טעג און די וואָכען,
וואָס דו האָסט באַגאַנגען זיך אָהן מיר...

און פיהל זיך אַ שולדיגער זינדער,
ווען ד ו גאָר דאַרפסט בעטען מחילה,
איך קלאַפּ זיך ח ט א ת י, ווען דו גאָר
מיך אפשר דערמאָנסט ניט אפילו...

1904

אָפּשייד

גיין זיי מיר די לעצטע שטונדען,
באַלד וועט אַלצדינג זיין פאַרשוואונדען;
ווען דו וועסט אַרויס פון צימער,
וועט פאַרגעהן דער לעצטער שימער,
פון די טעג און יאָהרען זיסע...
און די ליעבע אין איהר גסיסה,
וועט אַ ווײלע צאַפּלען, צאַנקען,
דאַן זיך לעשען פון געדאַנקען...

זאָלסט ניט דיינע ליפּען שפּאָרען,
קום מיך ווי צוריק מיט יאָהרען,
ווען איך האָב פון דיינע אויגען,
הימעל־ליכט צוערשט געזויגען...
זאָל דער ליעבע'ס לעצטעס שייד־וואָרט,
זיין אַ לוסט־ליעד, זיין אַ פריייד־וואָרט,
און ווי איהר געבאָרען־ווערען,
זאָל איהר שטאַרבען זיין אָהן טרערען...

1904

פאַרקעהרט

דער טאָג איז צו טראַכטען געמאַכט,
צו טרוימען געשטעלט איז די נאַכט,
מיט מ י ר זינט איך האָב דיך דערזעהן,
איז סאַמע דער הפוך געשעהן...

איך טרוים מיינע יאָהרען אַוועג,
און חלום פון דיר גאַנצע טעג,
און ס'האַרץ מיינס איז תמיד געפילט,
מיט נעבלען וואָס שפיגלען דיין בילד...

דאַן ליעג איך און טראַכט גאַנצע נעכט
און ס'בויערט מיין מוח און ברעכט;
אַ פראַגע מיך פלאָגט אָהן אַ שיעור:
וואָס'ט ווערען פון מיר און פון דיר? —

1904

פאַלשע קאָמעדיע

דו טראָגסט אין דיין הערצען אַ פינסטערע לאַסט,
אונ איך טראָג אַ שווערע אין מיינעם,
דו ווייסט וואָס עס טהוט זיך אין הערצען ביי מיר,
אונ איך — וואָס עס וועבט זיך אין דיינעם.

אונ זעהט מען זיך שוין אין אַ שמיטה אַמאָל,
די צייט געהט אַוועג אין לצנות,
מיר רעדען פון אַלצדינג, אַבי ניט פון דעם
וואָס ביידען אונז פרעסט אָהן רחמנות...

אונ ווען איך פאַרלאָז דיך, אונ בין מיט מיין וועה
אַליין אין אַ ווינקעל אַ שטילען,
דאַן פרעג איך: צו וואָס האָט אונז ביידען געטויגט,
די פאַלשע קאָמעדיע צו שפּיעלען?...

1905

מיין עשירות

כ'בין קיין גבור ניט געװעזען,
אבער װען איך בין געשטאָרבען,
ניט פאַרגעסט מיר נאָכצוזאָגען
אַז איך האָב איהר הערץ ערװאָרבען...
יענעם הערץ װאָס איינצונעהמען,
איז קיין איינעם ניט געלונגען —
איך אליין האָב אָהן מלחמות,
און אָהן מאַטערנים באַצװאונגען...

כ'בין געװען אַ גרויסער אביון,
און געמוזט אין דחקות לעבען,
דאָך געהאַט אַן אוצר האָב איך,
װאָס קיין גינגאָלד קען ניט געבען...
יענעם אוצר פון איהר ליעבע
װאָס די גאַנצע װעלט באַגעהרט האָט,
און האָט קיינמאָל ניט געקריגען —
מיר דעם אָרעמסטען געהערט האט...

1904

#ביידע געביטען

מיר האָבען זיך ביידע געביטען,
ניט איך און ניט דו וואָס אמאָל,
איך זאָג דיר אַ קאַלטען גוט־מאָרגען,
און פראָסטיג מיר ענטפערט דיין קול...

און ווארפט אונז דער צופאַל צוזאַמען,
אי רעדען, אי שווייגען איז פיין;
כ'רעד כלומרשט פון וועטער — און פרעה זיך,
ווען ס'מישט זיך אַ דריטער אריין...

1905

עבר-פעדעם

האָט דער כלומרשט־שטאַרקער ווילען,
פונ'ם מח דיך פערטריבען —
אין דעם נאַריש־שוואַכען הערצען,
ביזטו מעכטיג נאָך פערבליבען...

דאָרטען פון אַ קנויל זכרונות,
זיסע צויבער־פעדעם שפינסטו,
און פון עבר'ם גליק־מאָמענטען,
קונציג דיינע נעצען בינדסטו...

ווּעסטו קיינמאָל ניט בעפרייען,
מיין צומאַטערטע נשמה ? —
ווּעט צווישען הערץ און מח,
אייביג אָנגעהן אַ מלחמה ?...

1905

צוריסען

דו האָסט מיך אין צווייען צושפּאלטען,
דו האָסט מיין נשמה צוריסען,
איך האָס דיך און ליעב דיך צוזאַמען,
און קען זיך צו גאָרניט באַשליסען...

עס האָסט דער פאַרשטאַנד דיך דער קלאָרער,
און טרויט ניט דיין וואָרט און דיין בליק,
דאָס נאַרישע הערץ אבער איז נאָך,
פאַרקניפּט אין פאַרגאַנגענהייט'ס שטריק...

איך צאַפּעל און פלוך מיינע פענטעס,
ווי ס'צאַפּעלט אין נעץ זיך אַ פיש,
פון האַס און פאַרדרוס און פון בענקען,
מיך פייניגט דאָס טייפעל־געמיש...

1905

פאַרגיפטעט

א זיסער גליקליכער מאָמענט,
מיין קראַנקעס הערץ עס וואָלט געקענט,
אין דיר אַ טרייסט געפינען,
ווען ס'וואָלט זיך הינטען ניט געשלעפּט,
די קייט פון עבר וועלכע קלעפּט
ווי פּעכיג גיפט אין זינען —
דער טויטער עבר וועלכער לעבט
דעם איצט ניט צו פאַרגינען...

אַ זיסע גליקליכע מינוט,
דו רייצסט מיין בלוט, מיט ווילדער גלוט
און כ'וויל מיט פרייד דיך גריסען,
דאָך ווי אַ שוואַרצע שפּוק־געשטאַלט,
דער שאָטען פון דער צוקונפט פאַלט,
און לאָזט מיך ניט געניסען —
די לאַנגע צוקונפט וואָס פאַרגאַלט,
דעם קורצען איצט דעם זיסען...

1906

כף הקלע

איך בין געשטאָרבען שוין געווען,
און פון מיין קבר'ס רוה און נאַכט,
דעם לעבען'ס שטורעם האָב איך בלויז
מיט קאַלטען מתים־בליק באַטראַכט...

ביז דו ביזט ווי אַ פייער־שד,
מיט ליכט און גלאַנץ פאַרבייגעשוועבט,
און האָסט פון מיין מנוחה־פּלאַץ,
מיט כשוף מיך אַרויסגעשלעפּט...

דאָך האָסטו שטאַט מיין *הערץ*, וואָס האָט
פון יאָהרען זיך ניט מעהר בעוועגט,
אַ פייערדיגע *גיהנום־קויהל*,
מיר אין די ברוסט אַריינגעשטעקט...

אַ בייזע אונגעזונדע פלאַם,
וואָס ברענט און ווערט פאַרלאָשען שנעל,
דאָך ברענענדיג פאַרצעהרט דעם גוף,
און מאַכט צוגלייך פון גייסט אַ תל...

און אויסגעפלאַקערט האָט די פלאַם,
האָט בלויז אַ קורצע צייט געוועהרט,
דאָך יענע רוה, די ק ב ר ־ ר ו ה,
דו האָסט אויף אייביג זי צושטערט...

איך בין צוריק אַ בר־מנן,
דאָך כ׳בין ניט טויט און לעב ניט מעהר,
עס וואַרפען כף־הקלע מיך,
דער טויט און ס׳לעבען הין און הער...

1906

שיריים פון גליק

ב'האָב לאַנג דיך פאַרלאָרען און לאַנג דיך פאַרגעסען —
דאָך דאַן ווען דאָס הערץ וויל פאַרבלוטען,
ווען טרערען פאַרשלונגענע שטיקען און פרעסען,
דאַן דענק איז אַן יענע מינוטען,
ווען פון דיין אויג איין ליבער וואונק,
און פון דער שטים איין זיסער קלונג,
פלעגט איטליכען וואָלקען פערוועהען,
ווען בלויז איין וואָרט פון דיר גערעדט,
און פון דיין האַנד איין סאַמעט־גלעט,
פערהיילען פלעגט וואונדען און וועהען...

דער ראָד פון דער צייט דרעהט צוריק זיך ניט אום מעהר,
דער עבר איז טיעף שוין באַגראָבען.
דער פראָסטיגער ווינטער פאַרשנעעט האָט דעם זומער,
שטאַט זינג־פויגלעך, קרעכצען די ראבען.
דאָך בלייבט דער דמיון אייביג יונג...

מיט פלינקע טריט, מיט לייכטען שוואונג,
אָפּט ברינגט ער פאַרוואָרפענע קערנער —
שיריים פון פערוועלקטען גליק
וואָס האָט מיט יאָהרען לאַנג צוריק
געבליהט דאָרט וואו איצט וואַקסען דערנער...

1906

שטערען-פונקען

עס האָבען די שטערען געגלימצערט,
ווען דו האָסט מיר ליעבע געשוואָרען,
געפילט מיט דעם אָפּגלאַנץ פון שטערען
דיר זיינען די אויגען געוואָרען...

און האָב איך געקוסט דיינע אויגען
מיר האָט זיך געדאַכט, ווי געטרונקען
וואָלט איך פון די שטערען אין הימעל
די ווייכע און צערטליכע פונקען...

1907

דער דונקעלער צווייפעל

פאַרדיענט האָסטו זיכער אַ בעסערען גורל,
ווי דו האָסט געקריגען אין לעבען,
אַ ריינערע, טרייערע, שטאַרקערע ליעבע
ווי די וואָס מיין הערץ קען דיר געבען...

באַדענק איך ווי דו האָסט צו מיר זיך געשאָנקען,
דאַן פרעג איך : פאַר וואָס גאָר קומט מיר עס,
צו ירש'ען דיין אוצר פון גליהענדער ליעבע,
דיין גאַנצע געפיהלען־עשירות ?...

און אָפט מיך באַוואָלקענט אַ דונקעלער צווייפעל,
דעם פינסטערען סוף זעה איך לויערן,
ווען דו וועסט דיין גרויסע מתנה באַרייען,
דיין ליעבע אַלס טעות באַדויערן...

1907

דלילה

(ניט ווי אין תנ"ך)

דלילה, דלילה, קונציג פלעכטען,
מעגסטו דיינע שטריק אַרום מיר,
מעגסט פאַרוויקלען אין דיין וועב־שטוהל,
מיינע לאַנגע נזיר־לאָקען.

מעגסט פאַרוויגען אין דיין שויס מיך,
מיט געזאַנגען און מיט קוסען —
אין מיין שלומער, דיינע אויגען
זעה איך ווי זיי פינקלען קעציש...

און דו קוועלסט שוין פון נצחון,
און דו שמייכעלסט בייז און גיפטיג:
„פון די לאָקען שמשון'ס וועל איך
„זיך אַ שעהנעם האַלזבאַנד שטריקען.

„און די פּלשתּים וועלען לאַכען,
„און זיך בוקען פאַר מיין שענקייט —
„פאַר מיין שענקייט וואָס באַצוואונגען
„האָט געקענט אַ שמשון׳ס גבורה...

„נייע הערצער וועלען פאַלען,
„און איך וועל זיי אַלע שנירען,
„ווי קאָרעלען און ווי פּערעל
„אויף מיין מזל׳דיגען האַלזבאַנד..."

דלילה, דלילה, האָסט גענאַררט זיך...
איידער נאָך די שעער די קאַלטע,
וועט באַריהרען מיינע קרויזען,
איידער דו וועסט שניידען נעהמען —

פון מיין שלאָף ערוואַכען וועל איך,
וועל צובּרעכען שטריק און וועבשטוהל,
וועל באַקוקען דיך מיט עקעל,
און באַריהמען דאַן וועל איך זיך...

דלילה, דלילה, האָסט אומזיסט נאָר
מיר דיין זיסען גוף געשאָנקען,
האָסט אומזיסט די ליפּען מיינע,
שיער צובּרענט מיט דיינע קוסען...

און די פּלשתים װעלען יעקען: —
„אויסגעזויגען דלילה׳ס שענקייט
„האָט דער ש ל ו מ ע ר ד י ג ע ר שמשון,
„דאַן ערוואַכט, און אויסגעלאָכט זי...“

1907

אויסגעגליהט

אין פלאַמען־מאַנטעל מיינעם
דיך האָב איך איינגעדעקט,
און ס'האָט מיין פייער־אָטהעם,
צום לעבען דיך געוועקט...

און ס'האָט דיין הערץ צוברענט זיך,
און אַנגעצונדען ווילד —
דאָך מיינס זיך האָט דערוויילע
פאַרלאָשען און פאַרקיהלט...

איצט וועקסטו מיך צום לעבען...
מיין גאָלד, עס איז אומזיסט ;
אַרויסגעוואָרפען זיינען,
די קוסען וואָס דו גיעסט...

און ווינסטו אויף מיין בוזעם,
דאַן פאַלט אין אַש דיין טרער —
די פלאַם וואָס דיך צוגליהט האָט,
זי גליהט אַליין ניט מעהר...

1907

זעלבסט-נאַרעריי

וויפיל פאַרשוויגען האָט מיין מויל,
וויפיל געזאָגט דיר ליגען,
וויפיל פאַרשווענדעט בלומענרייד —
און אַלץ אום דיך צו קריגען...

וויפיל אַליין זיך אָפּגענאַררט,
מיט קלינגענדיגע נעמען
פון „ליעבעס־פלאַם“ און „זעעלען־בונד“ —
אום מיך זאָל ניט פאַרשעמען,

מיין אונגעצאַהמטע ווילדע לוסט,
די לוסט פון אַלע טהיערען...
אום מיין געוויסען זאָל קיין פלעק,
מיין זינען קיין זינד ניט שפירען...

פאַרלאָשען לאַנג איז יענע פלאַם,
דער נעבעל איז פאַרגאַנגען,
און איך און דו מיר זיינען קוויט —
דאָך גיפטען מיך ווי שלאַנגען,

די הימעל־שפּראַך מיט וועלכער כ׳פלעג
מיין ערד־אינסטינקט באַשענען,
די לאָרבער־קרענץ מיט וועלכע כ׳פלעג
דאָס טהיער אין מיר באַקרוינען.

1907

גאָלד און פּסולת

פֿאַרשמאָלצען האָט אין אײַן מעטאַל,
אַ ווילדער וואַהנזיניגער ברען,
דעם הערצענ׳ס ריינסטע גאָלד מיט אַל׳
די פּסולת וואָס איז דאָרט געווען.

פֿאַרבלענדטע לוסט האָט ניט צושיידט,
גן־עדן־ליכט פֿון גיהנם־בראַנד,
און מיסט און פּערל ווילדערהייד,
צונויפֿגעמישט מיט פֿיעבערהאַנד.

סאָרטיר איך איצטער און פּרוביר
פֿאַנאַנדערדריבלען יענעם קנויל,
און זוך איך טיעף און טיעף אין מיר —
דאַן נעהמט מיך אָן אַ וויסטער גרויל...

וואו בליי און גאָלד? וואו קויט, וואו גלאַנץ?
איך זעה ניט מעהר דעם חלוק איצט,
די תאוה טראָגט דער ליעבע׳ס קראַנץ,
און ס׳ריינסטע איז מיט זינד באַשפּריצט...

1907

רענדלעך פאַר פּרוטות

דו װאו ס'װאָלט דאָס בילינגסטע געקלעקט,
האָב איך דאָס טהייערסטע געצאָהלט,
װאו זילבער װאָלט צופיעל געװען,
האָב איך געשאָנקען לױטער גאָלד.

איך פרעג ניט אױב דו שולדיג ביזט...
װאָס געהסטו מיך אין גאַנצען אָן? —
נאָר א י ך — איך האָב ביי'ם פעניג־שפּיעל,
דוקאַטען אײנגעשטעלט אין קאָן...

און ד ו, צו פּ ר ו ט ו ת בלויז געװאױהנט,
האָסט ר ע נ ד ל ע ך נ י ט געקענט דערזעהן,
און ס'איז מײן בעסטער דימענטשטײן,
בײ דיר אַ גלאָז־קאָרעל געװען...

דו האָסט פאַרברױכט ניט װיסענדיג,
אַלס קופּער־קלײנגעלד מײן דוקאַט,
געװאונען ד ו האָסט גאָרניט, איך —
פאַרלאָרען אַלץ װאָס כ'האָב געהאַט...

1907

נאָכוועהענים

דער טויט, אין מאַרך'ס מוזעאום,
לאָזט שענע בילדער איבער,
עס וואַקסען וואונדער־פלאַנצען
אַרוים פון מתים־גריבער...

וואָס איך באַקלאָג האָט קיין מאָל,
ניט לעבען אָנגעפאַנגען,
וואָס איך באַוויין דאָס זיינען
פאַרקריפּעלטע פערלאַנגען...

איך האָב מיין וואונש נאָך שטראַהלען,
געשטילט מיט גיהנום־פונקען,
איך האָב מיין דורשט נאָך נעקטאַר,
מיט זומפּענקויט פאַרטרונקען...

און ווען ווי רויך אַוועג איז
די שכרות פון באַגעהרען,
געהאַט האָב איך ניט וועמען,
צו שענקען מיינע טרערען...

קיין מת וואָס ס׳הערץ באַטרויערט,
קיין גליק וואָס איז פאַרגאַנגען...
אַ בושה בלויז און וועהטאָג,
וואָס רייסען ס׳הערץ מיט צוואַנגען...

1907

ליעבע'ס הבטחות

צו וואָס נאָך שווערען, ליבינקע? —
די קוסען דיינע רעדען;
צי רעדט מען פון אַ י ע נ ע וועלט,
ווען מ'איז שוין אין גן־עדן?...

צו וואָס מיר שושקען האַלב־פאַרשטיקט,
אַז דו וועסט טריי זיין אימער? —
איצט האָב איך דיך דאָך לייב און זעעל,
דו זיסעס פרויענצימער.

און ווען דיין הערץ וועט ווערען קאַלט,
ווען ס'וועט די גלוט פאַרשווינדען —
צי וועל איך מיט דיין שבועה־שטריק,
צוריק דיך קענען בינדען?...

צי וועל איך אויף דיין וועקסעל, דאַן
מיין חוב באַקומען קאָנען? —
צי וועל איך פון דעם ווינטער'ס פראָסט,
די היץ פון זומער מאָהנען?

אָ שענק מיר אַלצדינג, זיסינקע,
נאָר גיב ניט קיין פאַרשפּרעכען,
וואָס שטאַרקער ס'וועט דיין צוזאָג זיין,
אַלץ גיכער וועסט איהם ברעכען...

1907

בלומען־גיפט

איך האָב פאַר דיינע דערנער ניט
קיין מורא און קיין אַנגסט —
די מורא קריג איך ערשט, ווען דו
בוקעטען מיר דערלאַנגסט...

פאַר דיינע דערנער בין איך שטאַרק,
כ'האָב בלוט נאָך די והותר,
און צאַפּסטו מיר אַביסעל אוים,
אַ דאַנק דיר נאָך אַ גרויסער...

און דראַפּעסטו מיין הויט און פלייש,
איך וועל דערפון ניט שטאַרבען —
פיליייכט פאַרבלייבען וועלען מיר
נאָך חנו'דיגע קאַרבען...

נאָר רויזען, רויזען ווען דו ברינגסט,
דאַן הויב איך אָן זיך שרעקען,
דו זאָלסט ניט אין דעם סאַמעט־כוס,
אַ טראָפּען גיפט פאַרדעקען...

דו זאָלסט מיך ניט פאַרשלעפּערען,
און דו אַליין וועסט וואַכען,
און בינדען וועסט מיר הענד און פיס,
און פון מיין שוואַכקייט לאַכען...

און ווען איך כאַפּ זיך ווידער אויף,
מיט ניכטער־מוטנע אויגען,
מיר האָבען וועסטו מאַרך און קראַפט,
אין שלאָף אַרויסגעזויגען...

1907

די געפּענטע וואונד

איך ווייס ניט וואָס האָט זיך גאָר פלוצלינג,
דער וועהטאָג דער אַלטער צושפּיעלט,
די וואונדען די כלומרשט־פערהיילטע,
אין ברוסט האָב איך ווידער דערפיהלט...

אַ זכר פון עבר ליעגט קענטיג,
פאַרלויערט אין ערגעץ אַ נעסט —
אַ גיפט־בלום וואָס צווישען מצבות,
אַרוים פון דעם קבר זיך פרעסט,

און יעדעס געפיהל און מחשבה,
מיט שמאַכטען און ביינקענים פאַרבט,
אין זיסע מינוטען פון איצטער,
מיט עבר־גערוכען פערדאַרבט...

1907

זומער-נאַכט-טרוים

אַיך האָב געדריקט דיך צו מיין ברוסט,
גערופען זיסע נעמען,
איך האָב געהאַלזט דיך און געקוסט,
די אויגען און די ברעמען...
דאָך, ליעבסטע מיין, פערציה, פערצייה,
איך בין געוועזען דיר ניט טריי —
די גאַנצע צייט מיר האָט זיך אויסגעדאַכט,
אַז ס'טוליעט זיך צו מיר די זומער־נאַכט...

איהר מאַנטעל, בלאָה מיט גאָלד געפלעקט,
אַרונטער איז געפאַלען,
איהר קערפער איז געווען בעדעקט,
מיט שיין בלויז און מיט שטראַהלען;
די שוואַרצע לאָקען האָבען ווילד
אַרום איהר ווייסען גוף געשפיעלט,
די שעהנע אויגען אויפגעעפענט קוים,
פערנעבעלט האָט אַ הייסער זיסער טרוים...

דאַן האָבען אָרעמס זילבער־ווייס
מיך פעסט צו איהר געשלאָסען,
און איך האָב גאַנצע בעכערס־ווייז
דעם הימעל'ס טראַנק געגאָסען.
און שכור איז געוועז מיין זין,
און כ'האָב פערגעסען וואו איך בין...
דאָך ווען איך האָב פון טרוים זיך אויפגעכאַפּט,
דיין הערץ אויף מיינעם האָט געטריי געקלאַפּט...

1909

פראָסט-בלום

אַ ווינטער־בלום ביזטו אַ שענע,
אַ פראָסט־בלום ווייס און קאַלט,
אַזוי ווי דער שנעע ערשט געפאַלען,
פון לבנה־שיין באַשטראַהלט...

איך האָב זיך אין פלאַמען געבאָדען,
און האָב נאָך שנעע געגאַהרט,
איצט קוויקט מיך דיין אייזיגע שענקייט,
אַ פראָסט־בלום, שלאַנק און צאַרט...

1909

איצט לאַך איך

צוערשט דיך האָב איך היים געליעבט,
און דאַן דיך פיינד געקראָגען,
און גאַנצע נעכט און גאַנצע טעג,
מיט ראַכע זיך געטראָגען...

איצט לאַך איך ווען איך טרעף דיך אָן,
איך קען עס אסור גלויבען,
אַז דו האָסט ווען־עס־איז געקענט,
אַ רגע שלאָף מיר רויבען...

1909

דיין שענע טויט-געשטאַלט

ס'האָט עמיצער די נאַכריכט מיר געבראַכט
אַז דו ביזט טויט, און כ'האָב באַוויינט דיין ענד,
דאַן האָב איך פון מיין בענקען פאַר דיין בילד,
געבויט אַ טעמפּעל און אַ מאָנומענט...

און פון דערווייטענס האָסטו מיר געגלאַנצט,
ווי ס'גלאַנצט אַ שטערן פון דעם בלויען רוים,
געקוויקט מיך ווי עס קוויקט דעם וואַכענדען
דער נאַך־דופט פון אַ האַלב־פערגעס'נעם טרוים...

דאַן האָב איך דיך דערזעהן אין פלייש און בלוט —
געוועזען פאַלש איז פון דיין טויט דער קלאַנג,
און ווי אַ טהוי־נעבעל צופלאָסען איז
מיין טעמפּעל, און — געוואָרען איז מיר באַנג...

איצט האָב איך ווידער דיך... דו קוסט און פרעגסט: —
„וואַרום איך זיפץ, וואַרום מיין אויג איז פייכט?
„צי האָב איך דיך פאַרגעסען שוין?..." מיין קינד,
דיין בילד האָט ק י י ן מאָל ניט פון מיר געווייכט...

עס איז מיין ג ע ץ געווען... זיין קאָפּ געציערט

האָט יעדער דימענט וועלכען כ׳האָב פאַרמאָגט,

איצט האָסטו מיט דיין ל ע ב ע ד י ג ע ן לייב,

אַליין דיין שענע ט ו י ט - געשטאַלט פאַריאָגט...

1909

טרוימען און טרעלען

דאס ניט געזונגענע ליעד

1.

א ניט געזונגג'נעם ליעד! —
דו פרעססט די ברוסט,
מיט פיין און לוסט...

דו גלענצסט און גליהסט,
און דופטסט און בליהסט,
און רופסט און ציהסט,
און האָסט קיין ווערטער ניט...

ווי לאָקסטו מיך,
ווי פלאָגסטו מיך!
ווי דריקסטו מיך,
ווי קוויקסטו מיך!

ווי פליקסטו און בעגליקסטו מיך,
ווי שטיקסטו און ענטציקסטו מיך,
אָ ניט געזונג׳נעם ליעד!

ווי העל אַנטפּלעקסטו זיך,
ווי שנעל פאַרמעקסטו זיך!
קוים ווייזטו זיך דערשרעקסטו זיך,
קוים וועקסטו זיך שוין עקסטו זיך,
אָ ניט געזונג׳נעם ליעד!

קוים טויכסטו אויף, פאַרגעהסטו שוין,
קוים הויכסטו, גלייך פאַרוועהסטו שוין,
קוים שפּיר איך דיך,
פאַרליר איך דיך,
אָ ניט געזונג׳נעם ליעד!

2.

אין זומער־אבענד ווען דער זון־ראָד ראָלט
אַרונטער אויף די לעצטע מערב־טרעפּ,
און ס׳פונקלען אויף די בלאָע פעלזען־קעפּ
טורבאַנען פון צוגליהטען אופיר־גאָלד —
ווען אין ענטציקטע פויגעל־קעהלען,
פאַר׳חלש׳ען די ניט־דערפּייפטע טרעלען,

און וואַלד און וועלען
אין זיסער אונמאַכט שווייגען;
און גיעריג זויגען שטומע צווייגען,
דעם לעצטען אָפּשיין פון דעם הימעל'ס גלוט —
דאַן הער איך דיך, אַ ניט געזונג'נעם ליעד,
אין יעדען שנעלען פולס־שלאג פון מיין בלוט,
דאַן צינדט מיך אָן דיין פייער־רוטה...
דאַן בין איך אין דיין צויבער־קייט געשמידט,
אַ ניט געזונג'נעם ליעד!
דען דו ביזט גרויס און שען,
אַ ניט געזונג'נעם ליעד,
און איך בין שוואַך און קליין,
און האָב קיין ווערטער ניט...

3.

אַ ניט געזונג'נעם ליעד! —
ווען ס'קומט דעם הימעל'ס הייליגסטער מאָמענט,
ווען ס'שפרייט די מיטערנאַכט די שוואַרצע באַלזאַם־פליגלען,
ווען פון געהיימע טעמפלען עפנען זיך די ריגלען,
און פול מיט טיעפע סודות יעדער שטערען ברענט —
ווען אין זיין דונקלער בלעטער־קאַמער,
דער פעלד־גריל קלאַפּט זיין כשוף־האַמער;

ווען אין דעם טינט־געפארבטען זומפ,
די זשאַבעס קוואַקען ריטמיש־דומפ;
ווען טרינקענדיג דער פינסטערקייט׳ס פארפום,
דער גליה־וואָרעם מיט פייער־פים טאַנצט אום...
און ערגעץ פון אַ ווייטען בוים־שפיץ קלאָגט
די נאַכטיגאַל, פון זיסען וועה גענאָגט —
דאַן קלינגסטו מיר,
אַ ניט געזונג׳נעם ליעד! —
דאַן ווינקסטו מיר,
פון אַלע שטערען,
דאַן ברינגסטו מיר
אין ד׳אויגען טהרערען,
דאַן דרינגסטו מיר,
פון ווייטע ספערען,
ווי ס׳ראָלען פון פאַרהילטע אָרגעל־רעהרען,
ווי ס׳רוישען פון געהיימע וואַסער־מעערען,
ווי טויזענד פעלדער פול מיט זאַנגען
וואָס שושקען פאַר׳ן שניט —
א ניט געזונג׳נעם ליעד! —
דאַן הער איך דיך און קען דיך דאָך ניט פאַנגען,
אָט האָב איך דיך, אָט ביזטו שוין פארגאַנגען,
דו שענסטער פון געזאַנגען,
דו ניט געזונג׳נעם ליעד! —

ווי רייצסטו און באַטרינקסטו מיך,
ווי פלייצסטו און פאַרשלינגסטו מיך,
אָ ליעד וואָס האָט קיין ווערטער ניט...

.4

ווען די געדיכטע נאַכט־כמאַרעס זיך טהיילען,
און לויפענדיג פון פינסטרע וואָלקען־היילען,
רייסט דורך זיך דער לבנה'ס רונדער ראַנד,
און גייסטער מיט אַ'ן אונגעזעה'נער האַנד,
פאַרשפּרייטען איבער דעם אוקינוס' וואַלען,
אַ שמאָלען פערל־באַנד,
אַ שטעג פון שימער און פון שטראַהלען,
אַ בריק פון ליכט, געשפּאַנט
פון האָריזאָנט צום לאַנד —
און לינקס און רעכטס,
דער תהום זיך הויבט און ברעכט,
באַלד מיט דעם אַנגסטען ־ קרעכץ,
פון אַנגעקייטע קנעכט,
באַלד מיט דעם זיג־רוף פון געפעכט —
דאַן האָב איך דיך פאַרנומען,
אָ ניט געזונג'נעם ליעד ! —
געזעהן דיך אין דעם הימעל'ס שטומען,
דערקענט דיך אין דעם וואַסער'ס ברומען,

אָ ניט געזונג׳נעם ליעד! —
דאַן האָב איך דיך דערפיהלט,
אין אַל׳ דעם צויבער פון דער הויך,
אין אַל׳ דעם שווידער פון דער נידער,
אין אַלצדינג וואָס איז ווייך און בלייך,
אין אַלצדינג וואָס איז וויסט און ווילד,
און כ׳בין געוועזן געפילט
מיט טרוימען פון טיטאַנען,
דאָך כ׳בין געשטאַנען,
אַ מאַכטלאָזער, אַ מידער,
און האָב קיין ווערטער ניט געפונען...

קוים האָב איך דיך געשפונען,
שוין ביזטו מיר צורונען,
און כ׳האָב דיך ניט געוואונען,
אָ ניט געזונג׳נעם ליעד! —

5.

אָ ניט געזונג׳נעם ליעד! —
ווען ס׳רייסט די שוואַרצע קודלעס פון דער נאַכט,
דעם שטורעם־ווערטער׳ס לויז־געלאָזטע מאַכט;
ווען ס׳ברעכט זיך אָפּ פון קייט דער אוראַגאַן,
און בייטשט מיט לאַנגע בליצען זיין געשפּאַן,

אוּן וואַרפט זיך אויף די הויכע פעלזען־ווענד,
אוּן וויגט די בערג אויף זייער פונדאַמענט,
אוּן ווירבעלט צווישען ערד אוּן הימעל,
באַגלייט פון דונער'ס קראַך־געטימעל —
דאַן הער איך דיך אָ ניט געזונג'נעם ליעד!
דאַן שפּרינג איך אויף אַ ניי־באַלעבטער,
שוין ריהרט מיך אָן דיין קעניג־צעפּטער,
אוּן ס'שטראָמט דורך מיינע גליעדער,
די לאַנג פאַרלאַנגטע גנאָד,
דער ציטריג־צאַרטער סוד,
דאָס היים־געגאַהרטע ליעד,
דאָס ליעד פון אַלע ליעדער...

שוין ברעכט דער גייסט די צאַמען,
שוין איז דאָס הערץ אין פלאַמען,
שוין פלאַקערט דאָס געבליט...
אָט איז עס... נאָך אַ טריט —
אוּן ס'קומט דאָס ניט געזונג'נע ליעד...
ווי ווייס עס שטראַהלט!
אָט באַלד... אָט באַלד...
אַ פּאַסיג וואָרט אוּן פעסט געבונדען
אויף אייביג איז די ליכט־געשטאַלט...
דאָך ווערה!... שוין איז דאָס בילד פאַרשוואונדען —

איך האָב עס ניט באַצוואונגען,
דאָס ניט געזונג'נע ליעד,
מיר איז צו זינגען ניט געלונגען,
דאָס ניט געזונג'נע ליעד...

1910

כאָטש אַ טרעהר

איך בין מעהר די גאָלדענע צייט ניט מקנא,
פון יוגענד און גלויבען און גליק,
ווען מיר האָט אין הערצען דער פריהלינג געלוכטען,
און מאַי האָט געלאַכט אין מיין בליק...

דאָס הערץ איז פאַר'חושכ'ט, דער קאָפּ איז געבויגען,
עס איז גאָר ניטאָ מעהר דער מוטה
צו טראַכטען פון דאַמאָלס — עס גלויבט זיך שיער גאָר ניט,
אַז ס'איז ווען אַמאָל געווען גוט...

נאָר א י י ן זאַך, איין איינציגע בין איך מקנא,
און קען ניט פאַרגעסען נאָך יעצט:
די טהרער וועלכע האָט ווי אַ רעגען אום זומער,
די אויגען מיט פרישקייט באַנעצט...

דאַן פלעגען די שמערצען ווי נעבעל צורינען,
די וואָלקענס צופליהען גאַר שנעל,
די ברוסט פלעגט זיין פרייער, דער קאָפּ פלעגט זיך הויבען,
די וועלט פון־דאָס־ניי ווערען העל...

איצט זיינען די ליידען ווי פינסטערע קריהעס,
דאָס הערץ איז אַ פעלזיגער שטיין,
ניטאָ וואָס זאָל שמעלצען די פראָסטיגע אייז־בערג,
און מאַכען די פעלזען צוגעהן...

דער שטיין ווערט אַלץ האַרטער, די לאַסט ווערט אַלץ שווערער
און דריקט וואָס אַ רגע אַלץ מעהר,
עס בעט זיך אומזיסט די פאַרקלעמטע נשמה:
אַ טרער כאָטש, אַ'ן איינציגע טרער...

1892

אַ טרוים

מיר האָט זיך גע'חלום'ט, אַרום איז געלעגען
אַ שוואַרצע פֿאַרוואָלקענטע נאַכט,
און איך בין געשטאָרבען, און ליעג אין אַ'ן ארון
פֿאַרמאַכט...

איך האָב דורך אַ שפּעלטעל, געזעהן ווי אַ שטערען
טאַנצט אום מיט אַ טרויריגען שיין,
געוואוסט אַז דאָס קוקט מיין נשמה אין ארון
אַריין...

דער ווינד האָט געוויינט... ס'איז קיין מענש ניט געוועזען
צו לאָזען אַ'ן איינציגע טרער,
דער שטערען אַליין האָט געשוועבט און געציטערט,
אַלץ מעהר...

1892

פרעמד

מיר האָט זיך געחלומט, אַ בר־מנן בין איך
און שטייג פון מיין קבר אַרויס,
און וואַנדער אַרום אין דער נאַכט דורכ׳ן שטעדטעל
און זוך אונזער הויז...

געזיפט האָט פון הימעל אַ רעגען אַ דינער
און האָט מיינע ביינער פאַרקיהלט,
און פריהרענדיג האָב איך אין מיינע תכריכים,
זיך פעסטער געהילט...

דאַן האָב איך דאָס הויז פון מיין מוטער געפונען,
און האָב אין די טהירען געקלאַפט:
„אַ מאַמעניו עפען! דורך מיינע תכריכים
דער נאַכט־רעגען זאַפט...“ —

„אָ מאַמעניו עפּען! אָ מאַמעניו עפּען!“
אומזיסט איז געווען מיין געבעט...
דער נאַכט־ווינד געצופּט האָט די טויט־קליידער מיינע
מיט טייוועל־געשפּעט...

„אָ מאַמעניו עפּען! אָ מאַמעניו עפּען!“ —
דאָך איך בין געבליבען פאַרשעמט,
דער ווינד האָט צוריק צום בית עולם געיאָגט מיך:
„דו ביזט זיי שוין פרעמד!“

פון פריה ביז שפעט

איך כאַפּ זיך אויף ווען ס׳ברעכט דער טאָג אַרויס,
און ס׳ליעגט דער גראָער טהוי נאָך אויפ׳ן גראָז,
איך זעה ווי מאָרגען קוסט אַוועק די נאַכט,
און פון איהר שוואַרצען בעט די וועלט ערוואַכט
און פרעג: צו וואָס?

און ווען דער לאַנגער מידער טאָג געהט אויס,
ווען אויף מיין פּנים וועהט דעם אַבענד׳ס בלאָז
און בלאָע נאַכט מיט שטערענשיין קומט אָן,
נאָך חזר איך דעם זעלבען טרויער־טאָן,
און פרעג: צו וואָס?

1909

מיין שטערן

פון צווישען די שטערען אין הימעל,
אין איינעם זיך האָב איך פאַליעבט,
און קוק איך אַרויף צו דעם שטערען,
דאַן ווער איך באַקלעמט און באַטריבט...

עס לייכט דאָך דער שטערען פאַר יעדען,
וואָס ווערט עס נאָר מיר אַזוי באַנג?
עס פינקלען דאָך טויזענדער שטערען,
פאַר וואָס נאָר קוקט ער אַזוי קראַנק?

צי איז דאָס מיין מזל וואָס בליצט דאָרט
און שפּיעגעלט פון הימעל זיך אָפּ? —
צי איז עס דאָס אויג פון מיין מלאך,
וואָס גריסט מיר זיין מיטלייד אַראָפּ?...

1892

אן עולם קטן

איך האָב מיר אַ וועלטעל באַזונדער,
געשאַפּען פאַר מיך בלויז אַליין,
מיט אייגענע ווינטערס און פריהלינגס,
מיט אייגענע פרייד און געוויין...

דערראויסען איז ווינד און געוויטער,
און בליצען און דונער און קראַך,
און איך בין באַשיצט אין מיין פעסטונג,
און קוויק זיך מיט פריהלינג און לאַך...

און אָפט ווען די וועלט איז פאַר'יום־טוב'ט,
מיט בליהונג און בלומען געקליידט,
באַדעקט איז מיט חושך מיין ווינקעל,
און ס'פריהרט דאָרט און שטורעמט און שנייעט...

1902

ווער ווייס

פאַרקלונגגען אין יוגענד'ס אָרקעסטער,
די כשוף־קאַפּעליע איז שטום,
פאַרלאָשען די צויבער־באַלויכטונג,
און וויסט איז און פינסטער אַרום...

בלויז איינער אַ נגון פּער,יתום'ט,
דעם טויטען אָרקעסטער קלינגט אָפּ,
קרימט איבער אַליין אין דער פינסטער,
דעם ליכטיגען טענער־גאַלאָפּ...

אַזוי ווי אַ פליעגעל וואָס זשומעט,
אַרום אַ געשטאָרבענעם'ס בעט —
ווער ווייס צי עס זשומעט אבילות,
צי ס'מאַכט פון דעם טויטען געשפּעט?...

1908

ווערטער-דאמפף

ווערטער קלייבען, ליעדער שרייבען —
לאַנג שוין האָט עס מיר דערעסען,
פון די וואונדען אין מיין הערצען,
ליריש־זיסען וויין צו פרעסען...

כ'האָב געמאַכט פון מיינע וועהען
אַ מוזעאום פאַר די בליקען,
אום ציקאַווע לעזער זאָלען,
מיט דעם דיכטער'ס פיין זיך קוויקען...

ניין, איך וויל קיין פערז ניט פלעכטען,
וויל קיין גראַמען מעהר ניט שפינען,
כ'וויל מיין ליידען מעהר ניט לאָזען
אין אַ פוסטען דאַמפף אַנטרינען...

כ'וויל קיין איינציג ליעד ניט זינגען,
כ'וויל קיין איינציג וואָרט ניט זאָגען,
לאָז דער וועהטאָג זיין פאַרבאָרגען,
און פאַרשטיקט דאָס הערץ מיינס נאָגען...

אפשר וועט מיך רייכער מאַכען,
יעדעס ליעד וואָס ניט געזונגען ? —
אפשר וועט מיך שטאַרקער מאַכען,
יעדע טרער וואָס כ'האָב פאַרשלונגען...

1906

שפּעטע בלומען

געפּוילט אין האַרצען האָבען,
דער יוגענד'ס טויטע קווייטען,
און פוילענדיג דאָרט פלעגען
אַ גיפט־געררוך פאַרשפּרייטען...

דאָך בלומען־קערנער זיינען,
געוועזען טיעף באַגראָבען,
און נייע שטענגלעך איצטער,
גענומען שפּראָצען האָבען...

ווי גיב איך זיי אַ נאָמען,
די שפּעטע ווינטער־זאַנגען? —
זיי רייצען ס'אויג, דאָך וועקען
אין ברוסט ניט קיין פאַרלאַנגען....

ווי רוף איך אָן די בלומען,
וואָס האָבען ניט קיין ריחות,
דאָך שפּרייט פון זיי זיך עפּעס
וואָס וואונדער־מילד און ווייך איז?...

1908

דעם שיקזאלם שפּאם

א שוואַרצער שיקזאַל גיפטיג איז,
דיין שפּאַסען און דיין יעקען,
געצוואונגען האָסטו מיינע פּים,
אין לעהם און קויט צו שטעקען...

פאַר'תפיסה'ט האָסטו מיר דעם גוף,
אין דיקען זומפּ פון לעבען,
דאַן האָסטו פליגלען ביי דער זייט,
צום פליהען מיר געגעבען...

וואָס טויגען פליגלען הימעלשע,
ווען כ'קען קיין גליעד ניט ריהרען ? —
ווען כ'דאַרף זיך היטען כ'זאָל דיין גאָב
מיט בלאָטע ניט באַשמירען ?...

וואָס טויגען דיינע פעדערען,
ווען כ'בין אַ'ן אַנגעפּעכטער? —
אַ שיקזאַל, ביטער איז דיין שפּאַס,
און גיפטיג דיין געלעכטער...

1908

כת ליצנים

ג עדענקסטו די מעשה — געלעגען
א העלד אין אין תפיסה געשמידט,
ער האָט ניט געקענט זיך באַוועגען,
געקייט איז געווען יעדעם גליעד.

אין ברוסט אָבער האָט עס געשלאָגען,
דאָס בלוט האָט מיט לעבען פולסירט,
און פלעגט אַלע שרצים פאַריאָגען —
זיי האָבען דעם העלד ניט באַריהרט.

איין מאָל אין אַ וויסטען פריה־מאָרגען
איהם איז די נשמה אַרויס,
און ס׳האָט זיך שוין מעהר ניט פאַרבאָרגען
די מיאוס׳סטע מינדעסטע מויז...

געקומען אין הויפענס צו לויפען...
זיי האָבען דעם קבר דערפיהלט,
דערשפירט אַז אין הארצען און שלייפען,
דאָס מוטהיגע בלוט איז פאַרקיהלט...

. . . .

אַזוי ווי אַ פאָלק כת־ליצנים,
באַלאַגערען שרעקען מיין ברוסט,
זיי האָבען זיך אַלע, הפנים,
אַז איך בין געשטאָרבען, דערוואוסט...

פאַרלאָשען דער שימער פון האָפען
וואָס טרייבט אַלע שדים אַוועק,
און מוח און הערץ זיינען אָפען
פאַר יעדער פאַנטאַזיע פון שרעק...

1904

א יום טוב — א יאהר-צייט

אט הער איך זיי דאכט זיך, די לופט איז געפילט
מיט טויטע פארקלונגענע טרעלען,
אט זעה איך זיי דאכט זיך, דער הימעל איז שווארץ
מיט טויזענדער בר־מנן קעהלען...

דאס זיינען די פויגלעך פון לאנג שוין צוריק,
מיט וועלכע מיר פלעגען זיך קוויקען,
דאס זיינען די פריהלינגס וואס האבען אמאל
אונז צוגעזאגט פריידען און גליקען...

א יום־טוב איז היינט, און א יאהרצייט איז היינט,
דאך מיר ליגט דער יאהרצייט אין זינען,
די בלומען די טויטע — פאר זיי נאר קען איך
א׳ן עכא אין הערצען געפינען...

1909

הזכרת נשמות

דער פריהלינג האָט באַנייט די וועלט,
מיט פרישע קאָלירען און דופטען,
דאָס אַלטע איז פאַרגעסען שוין,
דאָס נייע פאַר׳בשמים׳ט די לופטען...

און איך טראָג אַלץ נאָך זיך אַרום,
מיט מיינע פאַרוויאַנעטע קוויטען,
מיך האַלט דער עבר צוגעשמידט
מיט זיינע פאַרזשאַווערטע קייטען...

מיך ציהט אַ טויטער בלומענשאַץ,
וואָס לאַנג שוין אין פינסטערען תהום איז,
און ווען אַרום מיר בליהט און לאַכט,
זיץ איך און בין מזכיר נשמות...

1905

מיין סוד

און פיעל איך זאָל ניט זינגען אייך,
איהר וועט בלויז פונקען קריגען,
די פלאַם — די פלאַם זי בלייבט ביי מיר
פאַרשלאָסען און פאַרשוויגען...

און פיעל איך זאָל ניט זאָגען אייך,
איהר קריגט בלויז וועלען־שפּריצען,
דעם ים — דעם ים וועל איך אַליין,
פאַר זיך אַליין באַזיצען...

און פיעל איך זאָל ניט דיכטען אייך,
און פון מיין וועלט דערצעהלען,
מיין סוד — מיין סוד וועט קיינער ניט
מיט מיר אין לעבען טהיילען...

1909

אויר-וואנדערער

איך האָב די וועלט אַרומגענומען,
אונ צווישען שטערען אומגעפלויגען,
איך האָב געשפּייזט זיך מיט פאַרפומען,
אונ שטערען־שיין אַלס טראַנק געזויגען.

אונ דו ביזט אין דיין שמאָלען צימער
געזעסען אונ דיין גוף געוואַרעמט,
דיין קינד געצערטעלט, אונ דיין פרויענצימער,
צופריעדען אונ באַגליקט, אומאַרעמט...

אונ איך האָב שפּאָטיש דיך באַדויערט —
דיין קליינעם נעסט מיט קליינע פריידען,
דיין קליין נשמה'לע, פאַרמויערט
אין שטילען מינאַטור־גן־עדן...

אַצונד בין איך פון רוים אַרונטער,
אונ קלאַפּ אין דיינע טהירען, חבר :
אַ עפּען, קרעפּטיגער, געזונדטער,
דעם קראַנקען וואַנדערער פון אויר.

איך האָב די וועלטען דורכגעדרונגען,
אונ קיינע איז ניט מיינס געוואָרען,
איך האָב פון זונן און גלות געזונגען,
און איך אַליין בין שיער פאַרפראָרען...

איך בין דורך רייכטהימער געשוואומען,
און אָרעם איז מיין הערץ געבליבען ;
אַ, ברודער מיינער, כ'בין געקומען,
דיין קליינעם נעסט צו לערנען ליעבען...

1909

שמערץ-שכרות

מיך האָבען די אייגענע ליידען פאַרגיפטעט,
אוּן כ'בין ווי פאַר'שכור'ט פון זיי,
איך דיים אַלע פלאַסטערס אַראָפּ פון די וואונדען,
און לאָב זיך, באַרוישט פון מיין וועה...

1908

פאָלגענדע ביכער זיינען ערשיענען
פון פערלאַג „יהואש"

נייע שריפטען פון יהואש, שען געבונדען:

ערשטער באנד $1.00

צווייטער באנד $1.00

ישעיה, איבערזעצט פון י ה ו א ש, שען געבונדען $1.00

איוב, שיר השירים, רות, קהלת, איבערזעצט
פון י ה ו א ש, צוזאמען אין איין באנד $1.00

הייאַוואַטהאַ, איבערזעצט פון י ה ו א ש, שען געבונדען $1.00

צו בעקומען ביי אַלע בוכהענדלער.

Yehoash Publication Society

85 Canal Street **New York**